STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03060

IN SHTENDIKN TSAPL

Hanah Shalit

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

חנה שליט

אין שטענדיקן צאַפּל

דער דאָזיקער ערשטלינג מיינער איז געהייליקט
דעם אָנדענק פון מיין טייערער משפחה און
קרובים, אויסגעמאָרדעטע דורך די נאַציס און
זייערע אַקטיווע און פּאַסיווע מיטהעלפערס.

ח. ש.

חנה שליט

אין שטענדיקן צאַפּל

לידער

פאַרלאַג „ישראל־בוך"
תל־אביב, תשמ"א — 1980

חנה שליט

ברעד התמיד

שירים

HANA SZALIT

IN SHTENDIKN TZAPL

POEMS

פּאָרטרעט פון דער דיכטערין: י. ראָטבוים

Publishing-House Israel-Book, Tel-Aviv, P.O.B. 1777

פאַרלאַג „ישראל־בוך״, תל־אביב, רח׳ איתמר בן־אבי 4

Printed in Israel 1980 נדפס בישראל

דפוס „להב״ בע״מ, רח׳ המסגר 60, תל־אביב, טל. 336564

חנה שליט   געצייכנט: י. ראָטבוים

*

די דאָזיקע לידער־זאַמלונג צווישן טאָוולען, וואָס מיר דער־לאַנגען דערמ׳יט דעם לייענער, איז דאָס ערשטלינג־בוך פון דער דיכטערין **חנה** (אַנעט) **שליט** פון פאַריז. פאַר וואָר — אַן **ערשטלינג**, אָבער די לידער דערפון, אַ גרויסער טייל זייערע, האָט שוין פון לאַנג דערזען די ליכטיקע שײַן אויף די שפּאַלטן פון צײַטונגען און זשורנאַלן אין דער ייִדיש־וועלט און געהאַט זייער רעזאָנאַנס בײַם קריטיקער און לייענער פון הײַנטצײַטיקער ייִדישער דיכטונג. עס האָבן אָבער, ווײַזט אויס, נישט געפעלט קיין סיבות פאַר זייער זאַמען זיך אַזוי לאַנג, הגם — נישט פאַר־זאַמט. נאָר ווײַל דאָס דאָזיקע געזאַמל איז אַ געטרײַער אָפּשפּיגל פון דער דיכטערינס ביאָגראַפיע — און ווי קאָן דען דאָס זײַן אַנדערש? — ווּעלן מיר זי פאָרשטעלן בלויז אין קורצע שטריכן און לאָזן די לידער אירע, וואָס גערייען און באַוועגן זיך **„אין שטענדיקן צאַפּל"**, זיי זאָלן דערציילן דעם רעשט.

*

חנה שליט איז געבוירן געוואָרן בײַ פרומע, טראַדיציע־היטנ־דיקע עלטערן אין אַ ייִדיש שטעטעלע אין פוילן — לאַסקאַרזשעוו. אַלט זײַענדיק אַ יאָר צען האָט זי אָנגעהויבן שרײַבן „לידער" אין פויליש. אַז איר מאַמע איז אַוועק פון דער וועלט יונגערהייט (אַלט זײַענדיק בלויז 41 יאָר!) האָט די פײַנפילנדיקע, סענטי־מענטאַלע חנה געגלייבט, אַז די וועלט איז איר אונטערגעגאַנגען און געפּרוּווט איר דערשלאָגן געמיט אויסדריקן אין ליד. אין ייִדיש ליד. דערנאָך איז זי אַוועק קיין פאַריז, וואָהין עס האָט דעמלט זיך געלאָזט די אויסגעוואָרצלטע, רעוואָלוציאָנער־צעשטער־רעמטע ייִדישע יוגנט פון ייִדנפײַנטלעכן פוילן, און זיך ענטו־זיאַסטיש אַרײַנגעוואָרפן אינעם דאָרטיקן עמיגראַנטישן געזעל־שאַפטלעכן לעבן, אויסשטייענדיק אַלע פּײַן־און־לײַדן פונעם עמיגראַנט און פון זײַן גורל אינעם ערב־מלחמהדיקן פראַנקרײַך.

אין די פינצטערע מלחמה־יאָרן דורכגעוואַנדערט דאָס גאַנצע פראַנצויזן־לאַנד, אַנטיילגענומען אין דער רעזיסטאַנס, אַרעסטירט און פאַרשיקט געוואָרן, צוזאַמען מיט איר מאַן און קינד, אין אַ לאַגער אין דעפּאַרטאַמענט **סודער,** פון וואַנען איר מאַן איז אַרויסגעשיקט געוואָרן — אויף נישט צוריקצוקומען — קיין **אוישוויץ.** זי איז מיט איר פּיצל קינד געזעסן וואָכנלאַנג אין אַ תפיסה אין **טור** ביז — ס'איז סוף־כל־סוף געקומען אַ סוף צו דער לאַנגמעסערדיקער היטלער־נאַכט און זי האָט זיך אומגעקערט קיין פּאַריז.

*

די לידער אין אָט דער זאַמלונג, וואָס זענען שאַרשנדיקשטיל ווי אַ תפילה, און בלוי־גרוי ווי אַן ערב טאָג, טראָגן דעם חותם סײַ פון איר אַרעמער קינדשאַפט און מורדישער יוגנטצײַט אין פאַרמלחמהדיקן פוילן, סײַ פון דער אָקופּאַציע־ און דעפּאָרטאַציע־תקופה אין פראַנקרײַך און סײַ פון דעם צוריקאויפקום פון אַ ייִדיש לעבן אין אייראָפּע, אײַנצײַטיק מיטן נס פונעם אויפקום פון דער ייִדישער זעלבשטענדיקער ישראל.

וועט דער פּאָעזיע־לייענער דאָס אַלץ געפינען, דערזען און דערפילן אין איר יעדער שורה, וואָס איז דיכטעריש עכט און טעמאַטיש נאָענט און אייגן, און איר **שטענדיקער צאַפּל** וועט אים בײַשטיין בײַם מקיים זײַן דעם אייביקן ייִד־באַפעל: —

זכור!

די אַרויסגעבערס

אין שײַער פֿון מײַן זכּרון

נישט אײַנגעזאַמלט ס'גאָלד האָט זיך פֿון זומערס רייפֿע שניטן.
נישט קיין צעפּיעשטשעטע טעג פֿון טאַטע־מאַמעס זאָרגלאָזע קושן.
נישט דאָס קלינגענדיקע געלעכטער אין ווינטערס שנייִיקן שפּיגל —
אויף שליטנס.
נישט אַמאַזאָנקעס פֿאַרשלייערטע אויף פֿערד געריטן.
און די ווײַטע וועלדער פֿונעם לאַנד פֿון מײַן וויג.
ווי מעסערס געוואָן שטענדיק איז פּחד
אויסגעשליפֿן.

אין שײַער פֿון מײַן לעבן
ליגן פֿון שׂנאה צעביסענע מעת־לעתן.
און עס צאַפּלט מײַן קינדשאַפֿט אויף בוידעמס באַהאַלטן,
בעת סאָלדאַטן אַלערליי, געריסן האָבן בערד ייִדישע.

עס צאַפּלען קינדער נײַגעבוירענע פֿון קאַטן געוואָרפֿן
קנוילן אין אויוונס.
מיידלעך — מיט מוטער־חלום אין אויגן.
בחורים, וואָס בײַ דער ליבע זיי האָבן געשווירן
די רשעות אין פֿרײַנטשאַפֿט צו פֿאַרוואַנדלען.

אין שײַער פֿון מײַן זכּרון
טרייסלען זיך מאַמעס צעפּיבערטע, דולע
און ווייטיקן אַרויס פֿון מײַן שלאָף.
אויף טאַטעס ליפּן געלע — פֿאַרגליווערטע תּפֿילות
זייערע ביינער אין צעפּוילטע מלבושים,
ליגן אָן תּכריכים —
אין שײַער פֿון מײַן זכּרון.

און עס פּוסטעווען בית־עולמס מיט ליידיקע קבֿרים,
און איך — זייער אָרון.

אין ערב האַרבסט

מאַרגאַריטקעס אין וואַזאָן
אויף מײַן טיש.

הײַנט, אין גרויען טאָג פון ערב האַרבסט,
אַ וועלט אין קריג אויסגעשאַרפט.
און איר, פון פרידלעכן זומער,
אַ פאַרבן־גרוס
ברענגט אַרײַן אין מײַן צימער.

אַ דאַנק אײַך מאַרגאַריטקעלער אין וואַזאָן,
וואָס אין מענטש איר זענט נישט געראָטן,
און גרינע רו פון אײַך איך אָטעם.

אײַער שמייכל אין וואַזאָן אויף מײַן טיש,
מיט טויען פון לבנה־נעכט אָנגעזויגן,
מיט גאָלד־שפּרינקעלער באַשיט,
מיט רעגן־בויגן־פעדים אין אײַערע געוועבן,
קילט הײַנט מײַן פיבער —
ווי אַ געפונען טײַכל אין מדבר.

לאָז איך מײַן דמיון שוועבן
צו וואַלד, צו פעלד, צו גאָרטן,
ווי כ׳וואָלט ליגן אונטער אַ בוים אין שאָטן,
און ס׳ווינטל דאָס יונגע, איבער אײַערע קעפּלער
אַרומגעשפּרונגען.

נאָר איר, מאַרגאַריטקעלער,
מיט שכנים־גראָזן און מיט בלומען
פון פרײַנטלעכער רו —
אין כאָר זענט צעזונגען.

הײַנט, ווי בראשית

דער הײַנט ווי דער בראשית
פרייד פון תוהו
אין יאָרן־פאַלדן באַהאַלט.
איינזאַמקייט־בוהו
פון יעדן ווינקל קוואַלט,
ס׳ליכט פון אויבן קומט טונקל, בלאָ,
און גלידער אין קייטן־פענט
שפּליטערס פון אַמאָל, אַמאָל.

די קינדער
ווי פייגל יעדן האַרבסט,
צעפליִען זיך, פליִען,
אַ ליידיקייט פאַרבענקטע
טוט אין האַרצן גליִען, גליִען.
און די אויגן,
פון זיך אַליין,
קוקן אויף צוריק.

אוי, די צײַט פאַרשלינגט די בריק
וואָס פירט פון נעכטן, צום היינט
און פון הײַנט —
צום מאָרגן.

עס מבולט מיט זון

עס מבולט מיט זון און מיט צוויט
און לינדערט דעם פּחד אין יעטוועדן גליד.
איך וויל פֿאַרגעסן אַצינד
די ציין, וואָס בייסן און קייען דאָס לייַב
פֿון פֿאַרפּייַניקטע, פֿאַרחלשטע מעת־לעתן.
די בערג אַנטקעגן, מיט טויזנטער פֿאַרבן מיניען,
די גרינע פרייד מייַן גליווער אין שפּליטערס צעשפּאַלט
בלינד מרה־שחורהדיק יאָגן מיר גאַסן.
הינטער מיר, אַנטקעגן מיר
שטיוול,
שטיוול,
שטאָלענע אויטאָמאַטן,
אין דער ערד ווי האַמערס קלאַפּן.
בליקן בלייַענע דעם טאָג דעם דורכזיכטיקן
צעשנייַדן און צעשטעכן.
שויבן פֿאַרפּאַנצערטע קוקן דערשראָקן.
מיט פֿאַרטייַעטע טריט איך שפּאַן.
צוויי שטיוול מייַן שאָטן צעשערן,
טראָפּנס בראַנד מייַן הויט צעצינדן.
ס׳האַרץ אין ווילדן גאַלאָפּ מיך טראָגט.

איך פֿאַרשווינד ווי אין דזשונגל אַ הירש. אין הויפּן בלינדע
אייַנגעקאָרטשעט אין אַ ווינקל איך זיץ
מייַן גוף דעם אייגענעם פֿאַרשלינגען איך וויל.
מיט ווינט זיך פֿאַרשנירעווען
און פּליִען, פּליִען
צו ערגעץ אַ צווייַגל,
אַ בלעטל,
אַ גרעזל פֿון רו.

און איך זינג נאָך אַלץ

א.

ס׳קאָן זײַן אַז מײַן געבורט איז געקומען צו שפּעט,
אַז צו שנעל איז די צײַט געלאָפן
ווען איך מײַן חלום האָב געשפּונען.
די וועלט איז דאָך שוין דורכגעוועבט
פון מאָטאָרן־אַטאָמען
ווי ווענעס אין אַ גוף.

קאָסמאָנאַוטן פון לבנה־לײַב
האָבן שטיקער שוין געריסן,
און ווי צו מצרישע היעראָגליפן
מען זוכט צו זיי אַ שליסל.

און איך זינג נאָך אַלץ צו לבנה
ווי צו אַ יונגער וואַרעמער מאַמע,
כאָטש איך ווייס זי איז אַלט,
און פון אַלטקייט אײַנגעקאַרבט,
אָבער כ׳זע נאָך אַלץ ווי אין מײַן שטעטל
זי באַלײַכט דעם אַלטן מאַרק.

ב.

ס׳קאָן זײַן אַז מײַן חלום האָט מער נישט קיין זין,
וואָרעם אַזויפיל וויזיעס שוין געפּלאַצט,
ווי טײַכן אויסגערונען.
זענען מיר בלויז געבליבן די הימלען אַזעלכע בלאָע,
ווײַל דעם סוד פון זייער אָנהייב
האָט נאָך קיינער נישט געפונען.

אויף די ערד איז די זעלבע —
אויף אירע פּלײַנען מיר פּיטערן
קי און קעלבער.
יעדן פרילינג מיט כּל־טוב זי פאַרשוואַנגערט.

און דער בוים איז מיר געבליבן —
מײַן פרײַנד פון שטענדיק אָן.
און ווײַל קיין טורעמס אויף לבנהס קאַרק
זענען מיר נישט נייטיק,
האָט אפשר מײַן געבורט נישט אַזוי שטאַרק
פאַרשפּעטיקט ?

דערפאַר —
איך זינג נאָך אַלץ.

אין שטענדיקן צאַפּל

ווי אַ בלעטל אין די אָרעמס פון ווינט
אין שטענדיקן צאַפּל איך בין.
נאָר־וואָס פון קינדערנעפּל אַרויס איז מײַן גערדאַנק,
דאָס געסל געוואָרן איז מײַן וועלט: —
מיט ווײַסן קרײַד געצייכנט כ׳האָב די קלאַס,
ווו נאָר־וואָס דעם ערשטן שפּרונג געטאָן.
ס׳האָט אַ שייגעצל מיך געדראָט מיט אַ שטיין אין האַנט
מיט שרעק און מיט מורא
זיך באַהאַלטן כ׳האָב הינטער וואַנט.

ווען מײַן פרילינג האָט זיך צעבליט
האָט דעם שכנס אויג שטענדיק געגליט.
די וואָכנטעג מיט דאגות האָבן געצאַפּלט
בלויז דער שבת האָט מיט באַרויִקונג געהילט.

האָב איך געצאַפּלט צו דער גרויסער וועלט,
אַרײַנוואָרפן דעם צאַפּל אין טיפגרונט פון ים.
נאָר נישט געווען איז קיין רו פאַר מײַן שטאַם.
ערגעץ־ווו כ׳זאָל בויען מײַן געצעלט.

און אַז דערגרייכט כ׳האָב די שטאָט ווו איך ווױן
האָט מײַן צאַפּל זיך אָנגעטאָן אַ קרוין,
אין טויזנט פּנימער זיך פאַרשטעלט
און מיר פאַרשטעלט די שײַן פון דער וועלט.

האָט ער צאַפּלענדיק אין אומרו זיך פאַרליבט,
אַרײַן אין מיר ווי ווײַן אין אַ פאַס.
ער האָט צו זיך אַזוי מיך פאַרקנסט
און הויזט זייט דאָן אין מיר —
אין שטוב און אין גאַס.

דער וואַלדיקער סידור

ביימלער, ביימלער,
שורות אותיות פון אַ סידור.
יעדעס ביימל טראָגט אַ נאָמען
פון אַ גיבור
אַ יונג־פאַרשניטענעם.
מײַן בליק בלעטערט די ביימער
ווי מײַן מאַמע אַ תפילה.

דער נײַער וואַלד אַ טעמפל איז
פון יונגשאַפט,
די ביימער — קינדער,
און מענער
און פרויען אין פאַרקלעמטן
שווײַגן.
טרערן קוואַלן
די וואָרצלען דינינקע,
זייער לעבנס־דורשט באַשפּײַזן.

דער טאָג אין אַנגסטן זיך ווייקט,
און דער גלי פון יעדן פרישן אות
פאַרציטערט,
ווײַל שנאה־האַנט אין ערב־בלי
זייער יונגשאַפט האָט צעשפּליטערט,

נעמען, —
ביימער,
אַלייע נאָך אַלייע,
מײַן וויִע אין נעפּל שווימט אום.
קומען אָן די שאָטנס
ווי פּײַלן צעגליטע,

צו דעם באַרג פון צער
און זעצן זיך, בײַנאַנד מיט מיר,
און די נעמען —
נעמען ווי פייגל מיט פנימער
פון מײַנע ברידער,
שוועבן אַרום מיר.

דייַן לעצטער בליק

דייַן בליק דער לעצטער אין אַ וואָלקן צער נאָך שוועבט.
אַזויפיל נישט דערזאָגטע רייד
אין דייַנע אויגן ווי אַ תפילה שווייַגן.
דער מערדער
צום קאַמיאָן דיך טרייַבט.
גייסט פאַרבייַ מיר ווי אַן אָדלער אַן אַראָפּגעשאָסענער.
ס׳טירל פאַרהאַקט זיך,
מייַן נאָמען אין דער לופט זיך הוידעט
אין דאָרף דעם פרעמדן, ווייַטן,
דייַן קול צעשפּליטערט זיך אין רוים
ווי אַ שטערן אין געפאַל.
איך בלייַב ווי לוטס ווייַב
פאַרשטיינט,
אין ווינטער־בוים איך היל זיך אייַן.

אַ נאַכט אַ קלעפּיקע אויף גלידער מייַנע רינט,
פענצטער קוקן בלינד.
מייַן שאָטן צאַנקט —
האָט צייַט אָפּגעשטעלט איר טראָט?
אין אַ פרעמדער שטוב בייַם שוועל פון נייַעם טאָג
מייַן שרעק אַרייַנגעקאָרטשעט איז אין קישן,
ווי אַ הונט מייַן וווּנד איך לעק —
צו יענער נאַכט כ׳קער אָפּט זיך אום צוריק,
און זע דייַן בליק.

ווינטער

ווינטער,
דער דרויסן — אַ קוויטיקער שלומפּער,
וואָס ציט זיך פון ווייִנענדיקע דעכער
און דער ווינט שנייַדט ס׳לייַב —
אַן אויסגעשאַרפט מעסער.

דער הימל — אַ פאָרהאַנג,
גרויער טרויער.
נעפּל — די שטאָט פאַרפּאַנצערט
אין אַ שליימיקער מויער.

אין דרייַען געבויגן
יונגע און אַלטע גייערס.
ס׳ציט און ציט זיך דער טאָג
אין נאַכטיקן שלייער.

איך גיי אַרויס פון שטוב,
דער ווינט הייבט מיך און יאָגט,
ווי פאַרשלעפּן מיך ער וויל
צו זייַנע תהומיקע ערגעצן.

און ס׳קרעכצט און קרעכצט
דער קראַנקער דרויסן
ווי געבעטן ער וואָלט זיך:
ראַטעוועט,
ראַטעוועט מיך,
פון מייַן אייגענער קעלט.

ערב טאָג

אַן אלמנה
געקליידט אין שוואַרץ געוואַנד,
ליכטיקט פון נאַכט אַרויס
ערשטע פּיצלעך טאָג —
לייַב.

פאַרשלאָפן
עס עפנט פויל אַן אויג,
לעצטע חלום־זאַפטן זויגט
דער ערב טאָג.

אַ ווייַסע האַנט ער שטרעקט אַרויס
און וויקלט לעצטע פּאַסן — שוואַרץ געוואַנד.
ערגעץ וויינט אַ קינד,
מידע לאָדנס עפנט פלינק דער ווינט.

אַ מאַן, אין זייַן סאָד,
אַן אויסגעברוינטער,
פרוכטן קלייַבט
עס קלינגט אַ שעה.
אַ גלאָק.

לאַנגזאַם זון פון הינטער בערג זיך שאַרט
פּאַמעלעך, נישט אייַליק,
זיכער אין איר גאַנג —
אייביק.

זאַנגען בלאָנדע
אויף ווייַסע פעלדער כוואַליעדיק פלייצן,

בלומען בײַ מײַן פענצטער
זייער מילדן אָטעם שפּרייטן.

נאָר אָט קומט אָן דער טאָג אין בלאָער קאָטש
מיט זון נאַשפּיץ צו פאָרן.
פאַר וועמען ער ברענגט אַ וויג,
פאַר וועמען — אַן אָרון.

פרייד

ווי אַ קוואַל אַ פאַרשפאַרטער אין אַ באַרג פון גראַניט,
ס'האָט היינט די פרייד אַרויסגעשפּאַרט פון מיר אומגעריכט
אין מיין אויג,
אין מיין ליד,
אין יעדן מיין גליד.
ווי אַ ווינטל אַ יונגס איבער גאַסן,
איך טאַנץ און שפּרינג און זינג:
אַ קינד, אַ זאַרגלאָז איך בין.
איך לאַך, איך רעד, איך פרעג:
האָט די פרייד קיין טעות נישט געהאַט אין וועג?
מיין טראָט איז פלינק, מיין קול איז דין,
און דינער, בלייבער אַלע שאָטנס ווערן.

אַ ניגון אַ יונגער פון אַמאָל, פון וועגן ווייטע
געקומען איז אַהער און אָנגעקלאַפּט אין טיר,
און ווי אַ פאַרלוירענער בריוו אַ פאַרמאַכטער
די פרייד מיר צוריק אומגעקערט.
ס'איז ליכטיקער, ריינער די זון אויפן הימל,
העלער, דורכזיכטיקער, בלאָער דער טאָג.
האָט ווי אַ קוואַל אַ פאַרשפּאַרטער
די פרייד אַרויסגעפּלייצט פון מיר
און געוואָרן בין איך יונג,
און געוואָרן בין איך שטאַרק.
און די מענטשן אַרום מיר —
בעסער, שענער, גרעסער.
שמייכלען. בליקן, ווייכער, מילדער
און אַלץ אַרום איז לינד,
און לינדער.

פרילינג

פרילינג, דו פירסט מיך צו דער שיף
פון האָפענונגען ניי־געבוירענע
און איך געזעגן זיך מיט געמיט,
דעם ווינטערדיקן גרויען.

ווו נאָר ס׳פאַלט מײַן בליק,
בליט אַ שמייכל,
ווו דו שטעלסט דײַן טראָט
גרינעז טעפּיכער מיט גאָלד־שטראַלן
דורכגעשלייפטע.

אויף בלומען־פעלדער, שטיפעריש,
מיט ווינטל יונגן אַרומצוטאַנצן,
רופט מיך איצט די גרינע פרייד, —
כאַטש כאַפּ אַ בלום צו פלאַנצן.

שפּעטער, אונטער אַ בוים זיך לייגן
אויף זײַן שאָטן דעם פאַרשפּרייטן,
אויף די בלעטער, מיט זון צעצונדן,
וואָס לײַכטן דורך די כמאַרעס.

אָט אַזוי, אין בלויען טאָג,
נעמט מיך שלאָף אַרײַן אין זיך
און מיט דער שיף איך שווים אַוועק
צו האָפונג־פּאָרטן פונעם חלום.

אין וואַלד

ס׳איז דער וואַלד אַן אַלטער פריַינד מיר —
דאָ שפרינגט נאָך מײַן קינדהייט אַרום,
אין די עכאָס מײַן געלעכטער ערגעץ נאָך קלינגט,
אויף צוויַיגן פאַרפלאָנטערט אַמאָל
מײַנע צעלאָזענע ווינטיקע האָר.

דערקענט איר אַצינד, סאָסנעס איר אַלטע,
דאָס מיידל, וואָס האָט דאָ אַמאָל געשפּילט זיך מיט אײַך?
גרוי שוין די האָר,
מײַן חלום מיט אַשיקע פעדים פאַרוועבט און פאַרשפינט איז.
אָ, דו בלינדע זיכּרונלאָזע צײַט,
איך קלעטער אויף דײַנע רוּינעס אַצינד,
אין דײַנע סרודותדיקע היילן איך וויל דעם אמת דערגיין:
ווּו זענען די קברים וואָס באַהאַלטן אין זיך
פון מײַנע ליבסטע דאָס געביין?

אָ, וואַלד פון מײַן קינדהייט, דו האָסט דאָך מײַן חלום גענערט
אין ביימערישע הערצער האָבן דורות זייער בענקשאַפט פאַרקריצט, —
פיר מיך צו זיי.
דו האָסט דאָך געזען די לאַנגע קאָלאָנעס אין געשלעפּ,
אויף פאַרהאָגלטע שליאַכן מיט פחד פאַרדעקט,
פון מײַנע שוועסטער און ברידער דעם לעצטן געשריי
עס האָבן דײַנע גראָזן אײַנגעזאַפּט.
אָ, איר שטומע עדות אין פרישן מאָכיקן גריז,
רײַסט אויס די גראָזן, די מאָכן צעשאַרט,
און ווײַזט מיר די וועגן, וואָס פירן אַהין.

טאָג

דער טאָג האָט מײַן ליד פֿאַרטויבט:
אותיות, קלאַנגען, ריטמען און אימאַזשן,
אין מאַשין־געדריי מיט פֿעדעם און מיט פֿאַרבן
צעשטעפּט און צעשווירן.
ווי אויף וועגן בעטלערס צעוואָרפֿענע באַגאַזשן,
בײַ פּיס מײַנע פֿאַרמאַטערטע זיי ליגן.

טעג, קלעפּיקע ווי קאָרע פֿון אַ בוים אַ קראַנקן,
מײַן גוף פֿאַרקלעמען.
נאָר אין האַרץ,
ווי אונטער פֿראָסט און שניי דער זאָט
מײַן חלום זיך באַהאַלט.
נאָך האַלבער נאַכט אין אויג פֿון ליכט
ווידער בלוי מײַן הימל ווערט,
יִינגער, מילדער מײַן געזיכט.
וואָרט מיט וואָרט בינדט זיך אין געפּלעכט.
בילדער און געשטאַלטן לאַנג פֿאַרשוווּנדענע,
ווי פֿון אַ ברונעם די קעפּ שטעקן אַרויס.

אָ, יעדער צאַפּל, אָ, יעדער קלאַנג
פֿון אונדזער אַלטן הויקערדיקן אות,
וואָס האָט אַזויפֿיל מאָל שוין מיט אונטערגאַנג געצאַנקט
און דאָך לעבעדיק אַרויס.

די אותיות יִידישע איך קלײַב, און גלעט, און בינד,
און זאָרגן פֿון צײַטן אַלע,
ווי שלאַנגען אין דזשונגל זיך צעלויפֿן,
לאַסט פֿון טאָג פֿאַרשווינדט
און אַ שמייכל אַ ווייכער
מיט זאַלץ פֿון אַ בענקענדיקער טרער
מײַן קישן איצט ווערט.

מײַן גלויבן

דורך נעכט, אין נעפּל געהילטע,
דורך טעג, פון זונען צעקאַרבטע,
איך בין מיט מײַן אומרו צום היכל פון גלויבן געפלויגן
דורך װעגן געקרײַצטע, דורך האָריזאָנטן פרעמדע.
װען צו די טויערן זײַנע איך בין דערגאַן,
מיט אויגן מידברדיקע שטאַרע,
מיט ליפּן אויסגעטריקנטע מידע,
צו זײַנע קװאַלן געגידערט דעם דורשט מײַנעם צו שטילן,
איז דער צװײפל־שד מיר באַפאַלן
מיט אויגן בלוטיקע,
מיט נעגל צאַניקע, אויסגעשלײַפטע, שאַרפע,
צו קרישלען און פאַריאָגן
מײַן גלויבן געפּרוּווט.

נאָר איך —
װי אַ בלאַט אין װינטיקן געיעג,
אין שטורעם אין װילדן כ׳זוך מײַן װעג.
אין אַ כּישוף־ראָד
מיט טראָט יעטװעדן איך שנײַד צום ליכט פון היכל,
װוּ מײַן גלויבן זיך רײַסט
דורך טויערן דורך זיבן
פון זײַן מעכטיקייט געטריבן
מיט צװײפל־שד
אין נאָכאַנאַנדיקן געפעכט.

עס רײַסן זיך קלאַנגען

װי זאַנגען אויף פעלדער
געגערט מיט זוניקן פּיבער,
עס רײַסן זיך קלאַנגען
פֿאַרװאַנדלט צו װערן אין לידער.

קלאַנגען און שפּליטערס צעברעקלט, צעשטאָכן,
אויף װעגן פֿון שמאָלע פֿאַרחתמעטע װאָכן.

פֿון צײַטן פֿון ענדלאָזע איך הער דעם גאַנג,
פֿון דורות, װיסטע, איך טראָג דעם געװיטער.
און יעדער שאָרך עס בעט זיך,
עס בעט זיך יעדער קלאַנג
פֿאַרשפּינען איך זאָל זײ אין לידער.

אַ שטויב בין איך

אַ שטויב בין איך,
פון אוראַלטן פעלדזן־שטאַם,
אין מײַן בלוט כ׳טראָג דעם פלאַם
פון דונער,
פון בליץ,
ווי אין פעלדז פאַרקריצט.

כ׳האָב אים נישט געבעטן.
כ׳טראָג אים ווי מײַן האַרץ,
ווי דעם קאָפּ,
ווי אויף מײַן גוף די הויט.
און בין נישט קײנעם קיין בעל־חוב.

כ׳טראָג מײַן יחוס־שטאַם, ווי קאָרן־ברויט,
ווי פון פעלד דאָס גראָז,
ווי פון טײַך די כוואַליעס.
ווי מײַן טאַטע — דעם טלית.

נאָר וווּ איך קום — פּרעכבע פּיס
זענען גרייט מיך צו טרעטן,
וווּ איך קום — אַ רעטעניש כ׳בין
אַפילו פאַרן גוטן שכן.

פאַרבינד איך צום בטחון
די אַלטע שריפט,
ווי אַן אַדרעס אויפן האַלדז פון אַ וואַנדער־קינד.
דער נר־תמיד פון מײַנע אבות
די חשבות־וועגן מיר באַלײַכט
און איך פלי דורך געפאַרן אַלע
זומפּן אויסצומײַדן.

פון מײַן בענקשאַפט

פון מײַן בענקשאַפט ד י ך איך באַשאַף.
נישט נײַן פאַרלאַנגען
איז די שוואַנגערשאַפט.
בלויז באַגערן האָבן דיך פאַרטראַכט.

שטילע,
פּליסיקע,
רוישן דײַנע אויגן.
זיי דאַרפן נישט קיין רייד
און נישט קיין טײַטשן.

ליפּן רופן דײַנע קושן.
פון דײַן ליבשאַפט
פלאַסטערסט וועגן,
בריקן —
צו אַלעמענס בליקן.

אונטער דײַן שמייכל
ווייכער ווערט די ערד,
מיט דײַן לעבנס־שׂכל
פון יעדן טאָג נעמסט זײַן ווערט.

די אויסגעבאָרגטע צײַט —
דעם לוח דו לאָזט ציילן.
דעם טוי פון קילן פרימאָרגן —
דײַן יונגער כּוח אָטעמט אײַן.
דער אכזר אַ ל ט
האָט קיין שליטה נישט אויף דיר.

און אַז דײַן זון הינטער וואָלקנס זיך באַהאַלט
ווערן דײַנע הענט פליגל פון אַן אָדלער,
און מיט נעגל —
שטיקער וואָלקנס רײַסט.

נאָר איך ווייס, איך ווייס —
מײַן ווונטש וווּנט נישט אין איין מענטש.

אַ גוט־מאָרגן דיר

אַ גוט־מאָרגן דיר, נײַער טאָג
אין בלויען קלייד.
אויף דײַן קאָפּ הײַנט
די שכינה רוט
מיט זון־ליכט פֿאַרפּוצט.

אַ גוט־מאָרגן, נײַער טאָג —
וואָס טראָגסטו פֿאַר מיר אין דײַנע פֿאַלעס ?
ס'האָט דײַן ליכטיקער אויפֿגיי
פֿון לאַסט מיך באַפֿרײַט
און דײַנע ווינטלעך צעברויזטע
שוועבן אום אין מײַן שטוב.

דאַנק איך דיר, טאָג,
און אַ דאַנק דיר, נאַכט,
וואָס כ'קאָן אײַך אָפּגעבן איצט אַזאַ שבח.
איך גיי און איך שמייכל, כ'גיי און איך לאַך
און קוק יעדן אין פּנים אויף זוניקער גאַס.

בלויז איין געבעט איך האָב צו דיר איצט:
פֿאַר אַלע מײַנע פֿרײַנד זאָלסט שפּרייטן אָט דאָס ליכט
הײַנט און מאָרגן און תמיד —
אומגעריכט.

פרײַנטשאַפט

פרײַנטשאַפט, ביסט אַ פלאַטערל
פון זון־ און כמאַרעס־פאַרבן.
אַ פיצל ווינטל דײַן שײנקײט קאָן צעקאַרבן.
ביסט אומשולדיק, ווי אַ נײַ־געבוירנס.
אַ פעדעם־נעפּל
פאַרבלינדן קאָן ס'ליכט פון דײַנע אויגן.
אַ קראַנקער אָטעם אויף דײַן צאַרטן וועזן
קאָן אויסוואַקסן —
אַ צעקרומטער בײזער שאָטן.

פרײַנטשאַפט! —
איך זוך דיך מיט אַלע סימנים.
כ'זוך דײַן קלאָרן בליק אין יעדן פּנים.
אויף וועגן מיט אײנזאַמקײט איבערגעלאָדן
כ'בלאָנק אַרום מיט בלײַבע טעג און מידע טרוימען.

פרײַנטשאַפט! —
אין דײַן טעמפּל פאַר די אַלײניקע
אַ תיקון איז פאַראַן.
באַווײַזסט זיך ווען אויף וועג דעם גראָען,
אויף האָריזאָנט מײַן מאַטן,
בעת באַגינען פעדעם זיך צעבלאָען,
די קריַע אײנזאַמקײט הײבט אָן אויפטײַען,
דער עול פון צײַט לײַכטער ווערט,
פון פאַרשנורעוועטע ליפּן — ווערטער,
ווי ווײַסע טויבן פליִען פרײַע,

מענטשן ווײַטע, נאָענטע פֿרײַנד,
ווי גוטע קרובֿים ווערן.

הייב איך אויף דעם כּוס
צום יאָר דעם נײַעם,
און פֿאַר דיר, פֿרייַנטשאַפֿט,
פֿון מײַן שענסטן בעכער איך טרינק לחיים.

צו אַ פֿרײַנד

אַ בענקשאַפֿט איך טראָג אין מיר
צו דיר,
ווי אַ יונגע פֿרוי איר ערשטלינג.
מיט ציטער איך קוק צו דײַן בליק —
קיין בייזער שאָטן זאָל אים נישט פֿאַרדאַרבן.

פֿון די לויטערסטע שטערן וואָס וועלן קיין מאָל נישט שטאַרבן
איך טראָג דיר אַנטקעגן אַ האַלדזבאַנד.
וועט אַוודאי אין טויען פֿון נײַעם פֿרימאָרגן
די פֿרײַנטשאַפֿט צוריק
ווערן געבוירן.

אויף די פֿליגל פֿון האָפֿן כּ׳פֿלי דיר אַנטקעגן,
(אָ, ווען איך וואָלט נאָר פֿליגל פֿאַרמאָגט!)
כּדי אַלץ וואָס געווען און געגאַנגען פֿאַרלוירן
אין דער וועלט פֿון בייזס און פֿון דזשונגל,
זאָל אויפֿקומען אויף דאָס נײַ אין זכות פֿון מײַן בעטן —
אין נײַעם טאָג.

פליגל אויף די פיס

וועסט דיר אָנטאָן פליגל אויף די פיס,
ווי נאַרטן.
וועסט דיך לאָזן אויפן וועג
דעם לאַנג געגאַרטן.

ווּעסט פליִען
אַ שפּאַציר צו דײַן באָבען אין דאָרף,
ווײַט, ווײַט פון הײַנט.

ווּעסט זיך אָפּשטעלן אויף אַ באַלקן,
אויף באָדן.
עפענען פון הײַזקע דעם לאָדן
און דערזען דײַן באָבען און שווײַגן.

דײַנע הענט, הײַנטיקע, יונגע,
איר גוף דעם באַיאַרטן װעלן נעמען אַרום.
אין די קנייטשן, אין איר פּנים אײַנגעקריצטע,
ווּעסטו לייענען ס׳לשון פון צײַטן קראַנקע, אַמאָליקע,
און איר טרוקענע מידבר־טרער
וועט פאַלן אויף דײַן פּנים ווי טוי אויף אַ בלום.
נאָר זע ווי דער בוים בײַ איר טיר,
וואָס געוואָקסן איז אינאיינעם מיט איר,
איז געבליבן גרין, גרין.

אַז דו ווּעסט פליגל אויף די פיס דײַנע אָנטאָן
וועט דײַן באָבע צאַרט זיך צעוויינען
און דו, מאָרגנקינד, ווּעסט גלעטן איר גראָקייט און לאַכן,
און מיט זונפרייד איר זאָגן: —
באָבענקע,
פליגל אויף פיס זענען הײַנט טעגלעכע, איינפאַכע זאַכן.

אַ ווינטער־אינדערפרי

אַ ווינטער־אינדערפרי.
פראָסט־בלומען
אויף שויבן אין געבלי.
אַ ווינטער־אינדערפרי.

דער טאַטע שעפּטשעט
צו גאָט אַ געבעט
און אין שטוב —
ס׳פּריש געוואַשענע צעהאָנגענע גרעט.

אין ליימענעם אויוון
איך בלאָז און איך בלאָז,
נאָר דאָס פײַער פֿאַרשטאַרט איז,
ווי אויף אײַזיקן גראָז.

קלאַפּ איך אין די רערן —
קיין לופט, קיין אָטעם,
בלויז פון די אויגן
עס טריפן מיר טרערן.

און דאָס פּנים, מײַן פּנים,
אַ פינצטערע נאַכט,
מיט פראָסטיקע ווינטן
אין הונגער באַוואַכט.

נאָר אָט באַווײַזט זיך דער טאַטע,
אַ בינטל האָלץ אויף די הענט

און עס צעטאַנצן זיך פלאַמען
און עס טײַען אויף די ווענט.

— — — — — — — —

אַ ווינטער־אינדערפרי —
ס'איז הײַנט אין געיאָג,
און מיטן רויך פון דער צײַט
איך פיר אַ דיאַלאָג.

מײַן גערטנער

פֿון דער גאַנצער גרויסער וועלט,
די פֿאַרשקלאַפֿטע,
ס׳איינציקע פֿרײַהייט־לאַנד
איז מײַן גערטנער.

אַן פּאַספּאַרט,
אַן גרענעץ־היטערס,
שפּאַצירט ער איבער שטעט און לענדער,
איבער טורעמס,
פּאַלאַצן,
גיטער.
פֿאַרווילט זיך אים —
פֿליט ער פֿון די גרעסטע היצן
צו די העכסטע שניי־בערג,
ווּ זון איר פֿלאַם קילט
און וואָלקנדלעך — ווײַסע שעפּעלעך
לייגן זיך שלאָפֿן.

און ווער שטערט מײַן גערטנער
אײַנצוזאַפּן די שיינקייט
פֿון פֿעלדזיקע סקולפּטורן ?
פֿון פּלושענע טאָלן,
ווּ ווינטן פֿון בראשיתדיקן כאַאָס חלומען ?

און אויפֿן צעבראַסטעטן ים — ווער שטערט אים צו שווימען
און אויף כוואַלישע פּלייצעס צו הוידען זיך שיכּור
אין גאַלאָפּ ? —
מײַן גערטנער,
דער איינציקער פֿרײַהייט־געשאַנק,
אין שטענדיקן געלויף,

אין שטענדיקן געפּילדער,
צעשמעלצן כאָטש וויל ער דעם אײן־סופֿיקן גליוער.

ווערט מײַן גוף מידער,
וואָס פלינקער עס ווערט מײַן געדאַנק
און צעשנײַדן ער וויל צײַט און פלאַנעטן,
און מיטן גרעסטן שטורעם זיך פאַרמעסטן אין געוועטן.

אין וואַלדיקן חלום

אין וואַלדיקן חלום צווישן בלעטערוואַרג,
וואַנדלען פאַרלאָזענע קושן.
זיי זוכן צווישן צווײַגן אַ היים,
אַ תיקון.

שוין לאַנג, לאַנג
האָבן די הייסע ליפּן זיי פאַרגעסן.
אַמאָל אויף אַ פלאַטערלס פאַרבן
וועלן זיי זיך פאַרשפּילן.
אויף טוי פון בלומען
זיך לייגן מידע
און בענקען.

די ליפּן
קיין ליבשאַפט האָבן נישט געקאַרגט
אפשר וועלן זיי זיך דערמאָנען?
פּישטשען אין ביימערשן חלום
די קושן ווי פייגל
און עס סודעט זיך דער וואַלד...

דערווײַל,
אײַלט זיך, יאָגט אָן גאָר דער ווינטער.
די הייסע קושן הייבן אָן פרירן.
און ווען דער טאָג עפנט די לאָדנס
בלײַבן ביימער
נאָך אַלץ אָנגעזאַפּטע מיט חלום,
מיט ליבע.

האַרץ מײַנס

האַרץ מײַנס! —
דײַנע קנאָספּן, די נישט־צעגרינטע,
האָבן בײזע װינטן פֿאַרטראָגן.
ס'איז טרוקן־זומער הײַנט —
די פּעטאַלן
קאָנען צוריק נישט קומען.
קומען קאָן אַ בליץ נאָר,
אַ רעגן, און
אַ רעגנבױגן.

האַרץ מײַנס! —
רײַס זיך נישט.
װאָרעם דין,
זײער דין
זענען דײַנע געװעבן,
און איך —
איך האָב נישט מיט װאָס צו נערן
דײַנע באַגערן.

שװײַג, דעריבער, האַרץ מײַנס,
מײַן פֿרײד, זע, זי װאַלגערט זיך
אױף צײַטס קרומע שטיגן,
און אַלץ װאָס פֿון איר
מיר געבליבן
איז דער פֿאַרבענקטער ניגון.

שוין ביסטו נעכטן

איידער איך קוק זיך אום
און שוין ביסטו נעכטן.
ווי אַ בליץ ביסטו דורך.
אַנטלאָפן ביסטו
ווײַט,
ווײַט —
צײַט מײַנע.

ווײַט ביסטו, ים,
ווײַט פון מיר אַצינד.
און איך — אַ קינד
אין ווײַסע וואָלקנדלער
ווי שעפעלער ווײַסע
האָב זיך אַליין דערציילט אַ מעשׂה:
אַמאָל, אַמאָל איז געווען...

אויפן ים־ברעג אין זאַמד־מאַנטל,
אין זון צעגליטער,
ס׳האָבן כוואַליעס,
קינדער אומדרײַסטע,
מײַנע פיס געגליט.
און דו האָסט מײַן חלום אָנגעצונדן.
און אין חלום —
כ׳האָב מיט לענדער זיך פאַרבונדן,
מיט שטעט,
מיט שליאַכן,
ביז געפּלאַצט האָט דאָס יונגע לאַכן.

איידער איך קוק זיך אום
און שוין ביסטו נעכטן.

לבנה־ליכט

די לבנה — אַ קאָסמישע שיף —
גיסט און גיסט ווײַס פאַרבן־ליכט
און מאָלט אַ ווײַסע וועלט: —
ווײַסע בערג. ווײַסע טאָלן.
ווײַסע ביימער, ווײַסע גראָזן.
און אַלע, אַלע זעען אויס
ווי אַלטע יידעס אין טלית־קטנס...

און די באַרן ווערן ווײַסע,
און די עפּל — ווײַס
אָפּגעמאָלן אין זילבער־נעפּל,
און אַלע טײַכלעך הילן זיך אין ווײַס.

שווימט זי, שווימט.
צו וועלכן האַפן וויל די פּרינצעסין
אין קאָסמישער שיף דערפאָרן?

נאָר שוואַרץ די נאַכט איז אין ווײַסן קלייד,
דער גרויער קלויסטער — אַ ריזן־מאָנסטער שטייט,
זײַנע שפּיצן — ווײַסע צעפּ
וויל לבנה פלעכטן זיך פון זיי אַ גרעק.

אַזוי דרעמלט און דרעמלט
אַ גרינע זומער־וועלט
אין אַ ווײַסן ווינטער פאַרשטעלט.

געזאַנג פונעם פעלד

עס כוואַליעט ס'פעלד מיט זאַנגען שוואַרץ־לײַביקע, בלאָנדע,
גרייט פאַרן שניטער.
ווי גלידער ווי רייפע פון מיידלער און יונגלער
פאַר ליבע־פאַרלאַנגען — דער ציטער.

בײַם פעלדישן זוים — מאַרגאַריטקעס בלאָ־אויגיקע,
קאָקליקעס רויט־פלאַמיקע, ביז ביימערשער קרוין,
טאַנצן מיט ווינטל מיט יונגן
ווי אַ פערדל אַ ווילדס פון לייצעס אויסגעשפּאַנט.

פון הימלס קוזשניע שפּריצן די פונקען
איבער פעלדער און פליינען — מיניעדיקע צונטערס —
כאָטש שאַר זיי אַרײַן אין די מולטערס,
ווי עס שאַרט דער פויער די קערנער.

אָטעמט דער טאָג הײַנט
מיט שפע, פאַרשווענדונג
פון פאַרבן און טענער,
און עס שוועבט אַזאַ רחבות
פון האָריזאָנטן געשלייפטע,
ווי פריידיקע מחנות מיט פרײַנטשאַפט־פּענער.

מאָרגנקינד

שעם זיך נישט פאַר שרעק.
לאָז אַוועק זיך
אין תהומיקן נעבכטן.
יעדעס ווינקעלע צעבלעטער —
פון נישט געשריבענעם ספר,
פון דײַן שטאַם,
דעם געלעסטערטן.

קאָנען וועסטו, אויף יעדן לשון,
בלעטערן די לײַדן.
און צווישן צעפאַלענע ווענט
געפינען די גבורה פון דײַן זיידן,
ער געפלאַסטערט האָט דעם וועג
פאַר וועלט און לאַנד —
פון העלדן.

מאָרגנקינד! —
ווירדיק טראָג די פאָן —
אין בלוט פון שטאַם געפאַרבט.
דײַן זיידע איז אַ שטאָלצער ייִד
געוועזן,
אין יושר געגלייבט,
אין משיחן — מיט בטחון,
און אַזויפיל מאָל
פאַר אים געשטאָרבן.
קלעטער אין די טיפן —
אין ווינקעלעך פון חשבות
צעצינדן פאַר דיר וועט זיך דער פלאַם,

און דערזען וועסטו די בריק
געלייגט מיט גופים פון דײַן פֿאָלק,
וואָס געפירט האָט צום לאַנד —
דעם אַלט־נײַ געבענטשטן.

און אַז קומען וועסט צוריק צו זיך
אויפסנײַ געבוירן
אפשר וועט דיר זײַן באַשערט
פון דער הייליקער ירושה
דער סופר ווערן.

פֿאַרלאַנגען, געפֿילן

פֿאַרלאַנגען, געפֿילן —
פֿון וואָס זענט איר באַשאַפֿן ?
געפֿינט איר ערגעץ ווו אַ היים,
אַ תיקון ?

איז אײַער זײַן אַ חלום בלויז
וואָס פֿאַרגייט מיט דער נאַכט,
און לאָזט נאָך זיך
ווי פֿון הונגער —
אַ שליאַד ?

און איך — איך ווין מיט אײַך צוזאַמען,
נאָענט —
און קאָן צו אײַך נישט דערלאַנגען.
וואָס ווײַטער מײַן נשמה־לויב צו אײַך,
וואָס פֿולער מײַן האַרץ איז מיט אײַך,
צעפֿליט איר זיך אַלץ מער ווי שטויב
פֿון ווינטן געטריבן.

און איך, — דער דאָן־קישאָט —
לויף אײַך נאָך אין וויל אײַך פֿאַנגען,
ווי אַ ים־מעווע —
אַ שיף מיט פּיראַטן.

סאַמעטענע נאַכט

זײַ געבענטשט נאַכט סאַמעטענע.
מײַן שויבער־טאָג
וועבסט אַרײַן אין דײַן באַשאַף,
פּיבערסט אויס מײַן גוף
און כ׳ווער בלויז נשמה
אויף דײַן אָטעם־וואָג.
דו ווערסט די בריק צו מײַן חלום,
ווו געדאַנקען נאַקעטע
ווי פֿישלעך
אין טײַך אַרומשווימען.

דער שלאָף באַקליידט מיך מיט פֿליגל —
איך צעפֿעדער זיך ווי אַ פֿויגל
און פֿלי
אויף פֿלייצעס ווייכע פֿונעם ווינט.
כ׳בין זײַן קינד.
ער פּישופּט מיך און לאַשטשעט,
פֿירט מיך צו אויסטערלישע וואָלקנס
דורכגעאָדערטע מיט גאָלד־שטראַלן —
מיך צו וואַרעמען.

כ׳וויל אָנלענען מײַן קאָפּ אויף
די וואָלענע ווייכקייטן,
הער איך אַ געלעכטער: —
העי! ערדישע!
מיר, הימלישע וועכטער,
לאָזן בלויז אַרויף נשמות
און דו ווערסט באַלד פֿון חלום אַרויס,
אַרײַן אין דײַן גוף,
און צוריק ווערן אַ בשׂר־ודם.

סאַמעטענע נאַכט באַפרייַט דיך
פון טאָגיקער קייט,
אָבער פאַרן הימל
ביסטו נאָך אַלץ נישט גרייט.

אין ערדישן גהינום צו ווייניק געפּייַניקט,
איז דייַן לייַב...

יונגהאַרבסט

יונגהאַרבסט אין לאַנגן, פיאַלעטן זומערקלייד,
צעפאַלדעוועט אין רעגנבויגן־קאָלירן,
אויסגעהאָפטן, פאַרשלייפט.

זון אין בלאָ־צערויטלט קיניגרײַך שפאַצירט,
ווי זי וואָלט שוין אַלע ערדישע קינדער אירע
צו דער חופה דערפירט.

פאַרבעט דער יום־טוב מיך
אין וואַלד אַרײַן,
אין פעלד
און אַלץ אין מיר רײַסט זיך צו דער גרינער וועלט.

מײַן נשמה, אין מידקייט און זאָרג,
איז אַוועק ערגעץ־ווו פון דאַנען ווײַט.
אפשר לויפט זי פונעם בלעטער־רויש,
אפשר פלעכט זי פאַר מיר
אַ בלומען־בראָש —
און אַ מיד ווינטל צום טאָל זי באַגלייט?
אפשר, ווער ווייסט.

נאָר בײַנאַכט, אויף מײַן געלעגער,
אַז פונעם וואַנדערן זי קומט צוריק
גיסט אַ מבול זיך פון איר שטים
און ס׳ווערט מיר קילער, קאָלטער.

קריץ איך מיט די ציין פון פאַרדראָס
און וויין, —
ס׳איז דער האַרבסט אין מײַן זומערקלייד אַרײַן.

ירושה מײַנע

היים פון מײַן וויג! —
ירושה מײַנע.

מײַן צער און מײַן בענקשאַפט
לויפט אויף חורבות אום
און זוכט,
אַ שערבעלע פון אַ שויב,
אַ ברעט אַ דורכגעפוילטע פון אַ שוועל,
און פון אַ פײגעלע אַ טרעל.
פון אַ סידורל אַ בלעטל,
מײַן שוועסטערלס בעטל,
און דעם סוד וואָס האָסט פאַרטרויט מיר
אין חלום־נעפּל.

און אפשר האָט פון מײַנע נאָענטע ווער
אַ וואָרט דאָרט פאַרקריצט
פאַרן לעצטן געגיי,
און איך זיץ דאָ און זיץ
דעשיפרירן כ׳זאָל זײַן מיין?

ווייס איך און איך ווייס,
אַז קיין שפּור איז נישט פאַראַן,
דאָך ציט מיך צו יענעם שליאַך
ווי דעם פאַרבלאָנדזשעטן אין וואַלד.

אַ פרימאָרגן אַזאַ

דער הימל — קרישטאָל־לויטער בלאָ.
די זון — אַ גאָלדענע טאַץ,
וואַרפט אירע שטראַלן,
וואָס שלאָגן אָפּ אויף גראָזן,
אויף בלומען,
אויף ווײַט־ברייטע פּליינען,
און קושט אויס פון וועלטס גרינע אויגן
די טויִקע טרערן.

דער דאָרפישער פרימאָרגן שמייכלט הײַנט
מיט אַלע זיבן חנען.
די לופט — זײַדענע, דורכזיכטיקע וואַלן —
אַ שטילקייט שווימט פון שלווהדיקע קוואַלן.
ס׳דאָרף, נאָכן שטורעם, אויסגעוואַקסן איז
גרעסער,
גערוימער.

פון פּאַלאַץ־טורעם, די שפּיצן,
פון נעפּל־טרערן אויסגעצוואָגן,
ווילן רעשיק אַרויסשטאַרצן.
און מיר ווילט זיך הײַנט
אין אָט דעם פרימאָרגן
אַרײַנצוִען,
אַרײַנפליִען
און זיי רו אויסבאָרגן.

קאַשמאַר

אין נאַקעטן רוים — אַ קאָנוואולסיווער שטורעם.
אויף אַ וואָלקן־לייטער,
אין אינגעווייד פון אַ באַרג־מאָנסטער,
איך ליג און שרײַ.
אין דעם וואַסער־בויך די בליצן שנײַדן חשכות.
איך רוף, און מײַן קול האָט קיין קלאַנג נישט.
נעמען טיילן זיך אויס פון מײַן זכּרון:
מאַמע, שׂרה, זלמן — — —

באַשעפענישן מיסטעריעזע — וואָלקנס קײַען שטיקער
טײַכן — ריזן־ימען אויסצושפּײַען.
מײַנע פינגער זוכן אַ צייכן,
שטויב, כאָטש פון אונדזער ליבער גוטער ערד, —
איז אַלץ שוין צעשטערט ?

אויף וואָס זשע האַלט זיך מײַן גוף ?
האָט אַן אַטאָם מיך פאַרצוקט ?
און וווהין שלעפּט מיך מײַן וואָלקן־לייטער ?
איז די ערד פאַרשוווּנדן ?
און איך — אין וואַסער געבונדן ?

אומענדלעכער תהום איז
און עס מבולט מיט בערג
אַטאָמישער שוים — — —

אויף יענער זײַט שלאָף

אויף יענער זײַט שלאָף
ליגן מײַנע אויסגעפלאָכטענע נעצן
בײַ האָריזאָנטס ברעגן.

סודות פון טיפער נאַכט
עפענען אוראַלטע נאָרעס,
היילן,
גריבער,
פון וווּלקאַנישע דלאָניעס צעפּיבערט.

אַ האַנט, אַ לאַוויקע מיט שטראָף
צינדט זיי אונטער,
צוזאַמען מיט מײַן גוף.
אויף יענער זײַט שלאָף
ווערט אַ חלום זיך אויס און אַ צווייטער
שפּינט ווײַטער
אַ גרויס עשירות.
און אַז חצות איז שוין אַוועק
און די ערד גרוי צעהעלט,
און פלאַמיקע שטראַלן שנײַדן
ווי פליִענדיקע פײַלן,
ווערט בלוטיק צעשטאָכן דער שלאָף.

אויף יענער זײַט שלאָף
רופן באַשעפענישן זיך איבער
דורך קלאַנגען פון צאַרטער מוזיק,
און פייגל אין אויסטערלישע פאַרבן
פירן מיט העלפאַנטן מלחמה
פאַר אַ כזית חיונה ———

אויפן דנאָ פון דער נאַכט

אויפן דנאָ פון דער נאַכט
אַן אומרו מיך שלײַדערט
אין פאַרביטערטער שלאַכט.

ס׳ציט מיך אַ מידבר־דורשט
צו אומבאַקאַנטן חלום־קוואַל,
כּדי אַ קול צו הערן
פון אַ יונגן ניגון.

נאָר אין מיר רוישן אָפּגעהאַקטע רופן,
צעקרישלטע קרעכצן אין מיר וויברירן.
און פיבערדיקע שאָטנס פאַרהאַלטן יעדן טראָט,
מיט זייער אָטעם־גלי מיך פאַרפלייצן.

אומרו, אין פערדישן גאַלאָפּ,
שלײַדערט מיך אין אַ ווילדן קאַראַהאָד
אַהין, צום צוריק —
צוריק.

תהום,
שאָטנס,
און איך אין דער מיט,
אָן אַ גוף
אָן אַ וואָג,
פיבער צום נײַעם ערגעץ,
ווו ס׳קוואַלט דער ניגון
פון פרייד.

מײַן אומרו

כ׳האָב מײַן אומרו אויף אַ בוים
אַ פֿאַרצווײַגטן אויפֿגעהאָנגעון,
און געמיינט:
רו מײַן נשמה װעל איך ברענגען.

האָט דער אַלטער בוים,
אַ פֿאַרנאָפּלטער צו ערדישע טיפֿן,
ווי אַ שטויבל זיך צעטרייסלט
אויף שטורעמס פּלייצעס.

קראַנק געוואָרן איז דער בוים,
קראַנק.
נישט די לבנה קילע,
נישט די טויען פֿון פֿאַר באַגינען
נישט דער פֿריִער ווינטער
אַפּקילן קאָנען זײַנע גלידער.

און איך
וויל פֿון אומרו מײַנעם
אים באַפֿרײַען.
סײַ ווי אין מײַנע טעג,
אין נעכט מײַנע
לויפֿט דער אומרו אין פֿערדישן גאַלאָפּ
נאָך מײַן יעדן טראָט.

כ׳האָב מײַן אומרו אויף אַ בוים אויפֿגעהאָנגען
און געמיינט: —
רו מײַן נשמה װעל איך ברענגען.

אונטער אַ בוים

אונטער אַ בוים איך לייג זיך אַוועק
אויף שאָטנשויס ווייכן
דורך די צווײַגן־שפּאַרעס —
בענדער בלאָער רוים שלייפן זיך און צעשלייפן.
בלעטער, פּעכערס אין פינגער פון ווינט,
גלעטן אויס מײַן צעכראַסטעטן שויבער,
און די גרינע צעכוואַליעטע שטילקייט
באָדט זיך אויס אינעם צויבערטײַך.

איצט בין איך פעדער־לײַכט.
אַלע שווערע אינדערוואָכנס —
ווײַט, העט ווײַט.
אַ בין, אויף אַ מאַרגאַריטקע, הוידעט זיך און זשומעט,
פאַר מיר זי גרייט איצט איר האָניק.
אַן עקסקאַרגאָ אויףביימערהויט קלעטערט
פאַרזיכטיק, פּאַמעלער.

אַ פלאַטערל,
אויסגעקליידט אין פאַרשווענדערישע פאַרבן,
פלאַטערט —
ווי אַ זון־שטראַל איבערן ירדן.
אַ קוקאַווקע רעפּעטירט אַ ניגון —
זי זוכט דעם טאָן מײַן קינדשאַפט צו פאַרוויגן.

און איך פאַרמאַך די אויגן און שווײַג־אויס אַ תפילה
פאַרן פרילינגס מילדן אָטעם.
אפשר זײַן וועט דאָס אַ סגולה
פאַרן יונגן שאָטן פונעם בוים,
מײַן בוים.

איך וואַרט

אַ לעבן לאַנג
מיט שווערן געפּעק אין וואַקזאַל
איך וואַרט.

טעג, ווי באַנען, קומען און גייען
און לאָזן אויף וועגן כמאַרעס רויך —
און איך וואַרט.

יעדער טאָג אין אַנדערע דאגות פאַרקליידט
קאַרג אין פריידן, מיט פּייַנען באַגלייט
און איך וואַרט.

קנאַספּן שפּראָצן און בלעטער פאַלן פון לוח,
וועט אַ טאָג אַ מזלדיקער זיך באַווייַזן ? —
איך וואַרט.

אויף דער ערד אוצרות אַזויפיל פאַראַנען,
שפּראָצט אויך פאַר מיר וואָס פון די זאַפטיקע לאַנען ? —
איך וואַרט.

גייען טעג ווי די באַנען אַוועק און זיי קומען.
וועל איך פון זייער שפע אויך וואָס באַקומען ? —
איך וואַרט...

די באָבע־כמאַרע

פאַר מײַנע קינדערס װעגן

די אַלטע כמאַרע אויפֿן הימל־קײַלער
צעלייגט איז אין איר שובע,
די װאַטענע, גרויע.
זי װאַרעמט זיך און װאַרט אויף אַרויסקום
װי אַ בערעכע אין אַ פֿאַרשנייטער נאָרע.

אָנגעגעסן מיט זומערס שטויביקער פּאַרע
דעכעט זי קרענקלער און אָטעמט שווער.
זי װאַרט אויף דער רגע, אויף איר שליחות זי װאַרט,
עס ציט איר און ציט צו דער ערד.

אַז די זון טוט אַמאָל איר אַ ברי
װאַרפֿט זיך צום אַנטלויף, װי צום פּלי,
כ׳װאָלט טשעקאַווע זײַן צו װיסן דאָס קלאָר,
װער פֿילט דעם װייטיק אויף דער װאָר.

איצט, האַלט די באָבע־כמאַרע בײַם סוף.
און װי יעדער, פֿאַרן אויסגיין זי איז פֿאַרלאָזט.
דערװײַל קערט די זון מיט אירע ריטער די הימלען
און פֿון דער באָבע־כמאַרע זי רײַסט לעבעדיקע שטיקער.

נאָר — קרעכץ נישט באָבעשע, נישט קרעכץ.
דו גייסט נישט פֿאַרלוירן אין גאַנצן.
פֿון דײַנע טרערן זיך מערן בלומען און פֿלאַנצן
און די גאַנצע אייביקייט דיר װעט געהערן.

דײַנע עלטערן פֿאַר דיר טוען זיך מיִען
און אין כמאַרע־גן־עדן זײ מאַכן דיר אַ װאַרע —
װײַל דו,
נאָר דו
ברענגסט פרייד און חיות —
אַלטע כמאַרע.

די יונגע זקנה

זי זיצט און דרעמלט אויף אַ באַנק
אין סקוועער — די יונגע זקנה,
אַ לעבן, וואָס יונגערהייט צאַנקט,
אַ פּנים — אַ צעקנייטשטע שיימה.

געבליבן לעבן, זי ווייסט נישט וויאַזוי —
מ׳האָט דאָך אַלע אין לאַגער ליקווידירט.
פון אַלע פּײַנען געבליבן איז דער גרויל
פון יענע רגעס, פון מאָנסטערס דורכגעפירט.

אַצינד, אַז קיינער איז שוין נישטאָ,
בלויז פאַרבליבן אין אַקוואַריום פון זכּרון,
קאָן דער הימל שוין זײַן ווײַס און זײַן בלאָ —
ס׳איז אַלץ פאַרגאַנגען, אַלץ פאַרלאָרן.

און אַז געבליבן זענען קלאַנגען
שרײַען זיי פון שלאָף אַרויס,
ווי די קערנער אין איבערגעלאָזטע זאַנגען
וויינען קינדער אין איר חלומס שויס.

נאָר — פאַרבלאָנדזשעט ווען אַ שמייכל
אויף איר פּנים דעם געל-און-גראָען,
פאַרגיסט אַ טרער דאָס יונגע אויג
און נעמען ליבע שרײַען, דראָען.

וואַלדיקער באַגינען

האָסט שוין ווען אַמאָל געזען
אַ וואַלדיקן באַגינען? —
נאַכט אויף ביימער־שטאַמען
הילט נאָך איר פעלערינע,
און שוין אויף זייערע קעפּ
בלאָנדע פעדעמלער שפּינט
די שכינה.

דער וואַלד —
אַ הייליק געשטאַלט
שווײַגט אויס אַ תפילה.
בלעטער, צווײַגן
טובלען זיך אין טוי,
בלאָ־גראָע שטרײַפן
פון שוואַרצן קנויל אַרויס
פלאָנטערן אין די הייכן
און וווּנדער־געוועבן אײַלן
דעם נײַעם טאָג צו דערגרייכן.

מײַן מאַמע געזען אַזאַ ליכט האָט
אין גן־עדן אַוודאי.
נאָר מיר דעם אָטעם פאַרכאַפּט עס
פון לויבן און שרײַען —
די געטלעכע שטילקייט
אין צווייען צו צעשנײַדן.

רײַסט דאָס קול מיר זיך איבער —
אַ שטומקייט אַזאַ איז פאַראַנען,
און איך שטיי געשמידט ווי אין קייטן
און בין דער אויסטערלישער שיינקייט מקנא.

כ'וויל מיטנעמען

כ'וויל מיטנעמען די געמיטלעכע רו
פון מײַן דאָרפֿישער כאַטע,
מיטן רויטן שינדל־דאַך
און דער גרויער בלעכענער לאַטע.

דעם זאַפּטיקן אָטעם פֿון גערטל,
דעם ציטער פֿון אַ בלאַט,
פֿון יענעם ווינטל דעם גלעט,
וואָס די שטילקייט פֿון דער נאַכט
האָט מיט סוד אָנגעזאַפּט.

דעם שלאָפֿנדיקן שמייכל
פֿון די אײַנגעטוליעטע בערג,
ווען לבֿנה לייגט זיך
אויף גרין־באַוואַקסענע קערק.

דעם ניגון פֿונעם טײַכל,
וואָס קלאַפּט זייגערדיק אין שטיינער —
ווי די שיקסלעך מיט קיאַנקעס
אין דער וועש דער ריינער.

כ'וויל מיטנעמען די פֿאַרב
פֿון באַגינענדיק ראָז
און דעם טוי פֿון איידער טאָג
ווען די זון אויף לאָנקעס גייט אַרויס,
און פֿון די אַלע, אַלע
אַ קישן צוקאָפּנס זיך מאַכן,
קעגן שטאָטיש טויבן טומל —
און די רו פֿונעם דאָרף
אָפּגעפֿינען אין דרימל.

אין דער וועלט פון ווידערס

אין דער וועלט מיט ווידערס און ווייַטערס
דורכגעוועבט,
ווי אין רויִנעס פון אַ האַרץ
אומעטום מיט בענקשאַפט האַלטן זיך בײַ די הענט.
און ווי די נעבטנס, פאַרשפּאַרט ליגן
אונטער צעפאַלענע ווענט.

ווי דורך אַ נעפּל־שפּאַרע אומגעריכט,
אַ וווּנדער־ליכט האָט זיך צעהעלט.
און ווערטער — צויבער־קלאַנגען
האָבן פון דאָרט ווי פון חלום אַרויסגעקוועלט.

בין איך ווי אין אַ כּישוף־טײַך אַרײַנגעשווומען.
און אַלע שווערע עולן ווי צו תשליך מיטגענומען.

זוך איך קיין טײַטש נישט פאַר דעם דויער,
אין דער וועלט פון ווידער און ווײַטערס,
כ'זוך דײַן האַנט, ווי אַ קינד בײַ זײַן מאַמען,
אין אָרעמס אין דײַנע זיך צו הילן.

צום באַשעפער

באַשעפער! —
פאַרוואָס און פאַר ווען האָסט דו
דײַן באַשאַף דעם אויסדערוויילטן —
דעם מענטש
געשטעלט פאַר אַזאַ בזיון?
עס זאָל פירן אים די שלאַנג אויף אירע וועגן,
אויף וויסטן נסיון.

האָסטו דעם מענטש פאַר אַ שפּיל
זיך באַשאַפן,
כּדי קליין אים צו האַלטן
און זײַן אוממאַכט זאָלסט אויסלאַכן?
און דו, אין דײַנע פאַרכּישופטע פּאַלאַצן,
קוקסט דורך הימלען אויף דײַנע קינדער,
ווי זײַן זיי זאָלן קלאָונען, פּאַיאַצן —
ווי זיי הרגענען און מאַטערן איינער דעם אַנדערן,
ווי זיי בויען און צעשטערן
און ווי פליגן זיי פאַלן
אויף חורבות פון באַשאַף.

ווּו זענען דײַנע פאָטערלעכע פליכטן?
ווּו רחמנות פון הערשער צו זײַן שקלאַף?
צי האָבן די אָבות
געקאָנט דערויף זיך ריכטן?...

איך זוך

איך זוך דײַן בליק,
ווי אין פֿראָסטלאַנד די בלום
אַ זונענשטראַל.

איך זוך דײַן קוש,
ער זאָל דעם ציטער פֿון מײַן באַק אָפּווישן,
ווי אַ כמאַרע די זונשטראַל
פֿאַרווישט.

און אפֿשר
ביסטו אַ וואָלקן אין אַ מענטש פֿאַרשטעלט,
און ווער עס שטרעקט דיר אויס אַ האַנט
דערפֿילט די וואָלקן־וואַנט ?

און דאָך
האַלטסטו מיך
אין דײַן געפּענט.

קינדשאַפט מײַנע

אָ, וויפל יאָרן דאַרף איך לעבן
אַז מײַן קינדשאַפט גרויס זאָל ווערן
און אַראָפּקריכן פון מײַן מאַמעס
ווייכן שויס?
אויפהערן קלאַפּן אין זכּרון מיר
מיט די העמערלער און גלעקעלער קינדערשע,
אויפהערן שלעפּן מיך צוריק אַהיים
וווּ ווינטן ווייען אין ליידיקן הויז?

אָט שטיי איך שוין בײַ דער טיר
פון רייפן זומער
און די קינדשאַפט דורך יעדער שפּאַרע
לויפט מיך נאָך, לויפט אַנטקעגן.
ברענגט דעם שימער מיר פון יונגן וואַלד
מיט דער מאַמעס בליק באַרעגנט.

ס׳פּיצל מיידל, מיט די צעפּ די שוואַרצע,
איז אַ בלימעלע פון גאָרטן איצט.
די מאַמע שטריקט אַ זאָק,
דער טאַטע אַרײַנגעטאָן אין זיך איז;
מײַן גרויסע דרײַצניאָריקע שוועסטער
אײַלט וווּ ערגעץ צו איר סוד,
מײַן ברודער — די הענט פאַרלייגט,
פאַרלאָזט זיך אויפן באַראָט פון גאָט.
און איך? — אַ קינד, אַ קינד.

אוי, קינדשאַפט, וויפל יאָרן דאַרף איך לעבן
דו זאָלסט ווערן גרויס —
דו זאָלסט נישט שלעפּן צוריק מיך
אין מײַן מיט ווינט פאַרווייטן הויז?

דאָס בילד, דער שפּיגל און איך

דאָס בילד, איַינגערעמט אין וויַיס פּאַפּיר.
דאָס מיידל ס'יִינגע ווי אין אַ מילכטיַיך
מיט ווינט אין די האָר,
שמייכלט, שיַינט.

איך — אַ פאַרשעמטע,
קוק אויף איר אין שפּיגל.
זוך אַ צייכן, אַ סימן, אַ פאַרגלייַך
פון מיַין יִינגשאַפט,
פון מיר, —
זי האָט דאָך אין מיַין גוף געוווינט,
מיַין בלוט אין איר פּנים האָט גערויזט.
פון מיַינע פיס זי איז געשפּרונגען,
צו מיַין הײַנט מיך דערפירט,
ווער זשע האָט זי צוגערויבט פון מיר?

איך שטיי ביַים שפּיגל
אַ פאַרשעמטע איך קוק,
די הענט אַראָפּגעלאָזן ווי צוויַיגן דאַרע.
ס'יִינגע מיידל מיט מיר זיך רייצט.

און איך —
פון כעס און קנאה בין צעגליט:
ווער וועט זיַין דער ערשטער קרבן —
דער שפּיגל צי דאָס בילד?

וויל איך לויפן,
וויל אַנטלויפן פון ביידע און פון זיך,
נאָר צום אָרט כ'שטיי געבונדן,
קען נישט אָפּגעפינען מיין איך.

צו קאַרג ביסטו, צײַט

צײַט, פֿון דײַן אײן־סופיקער עשירות —
עטלעכע קאַרגע שטויבלער
האָסטו מיר אַנטליִען.
איידער נאָך כ׳בין אַרויס פֿון וויגל,
אויף וואַקלדיקע פֿיס זיך געקײַקלט,
האָסטו שוין מיר אָפּגערעכנט
אַ שפּאָר ביסל פֿונעם חשבון.
און באַלד אָנגעהויבן מיך
דרעסירן — ווי אַ הינטל
אין אַן אויסגעפּוצטער קייט.

בענק איך נאָך אַ בוים, אַ גרעזל —
האָב איך נישט קיין צײַט.
ווען מײַן יעדער גליד
טריפֿט מיט צער —
דעמלט ביסטו דאָ.
איז וויפֿל דאַרף איך צאָלן
פֿאַר די עטלעכע אַנטליִענע יאָרן?

אַז איך שטרעק מײַנע הענט אויס
עפּעס אײַנצוהאַלטן,
שוין עס דראָט מיך די בײַטש: —
אײַל, לויף, יאָג,
זי שטייט נישט, די צײַט.

ליגן מײַנע אָנהייבן אַלע, אַלע,
צעוואָרפֿן,
צעזייט
און צעשפּרייט.

לאַווע

ווער האָט אַרײַנגעגאָסן לאַווע אין מײַן נשמה
וואָס פּליסט און פּליסט
מיט בראשיתדיקע פײַער־שטראָמען
און לאָזט קיין רו
אין ערגעץ נישט געפינען?

בין איך געקומען אויף דער וועלט
מיט אָט דער לאַווע?
זי געירשנט פון אוראַלטע אָבות?
אָדער גליִען גאָר אין מיר דורותדיקע חורבות?

טעג מײַנע מיט אַזויפיל דערווידערס
שנײַדן, ברענען מײַנע גלידער —
און אַז בײַ גאָט אַ ביסל פרייד איך בעט
קומט די לאַווע און פאַרלענדט דעם וועג.

אָ, אייביקער,
דו וואָס האָסט די לאַווע אין מיר געגעבן,
היט די לעצטע קוואַלן כאָטש
פון מײַן בידנעם לעבן.

זעסט דעם מענטש

זעסט דעם מענטש ?
פֿאַרקליידט ער איז שטאָלץ.
אויף דער האַנט —
אַ זייגער פֿון גאָלד,
די האָר — גלאַטיק, וועלור פֿאַרקעמט.

מיינסטו זיכער, אַז דאָס לעבן
האָט אים עפּעס געשענקט.
זײַ זשע זיך מטריח
און זוך אים
אין שטוב בײַ זיך.

לייענען וועסטו פֿון זײַנע אויגן,
(און אַפֿילו פֿון זײַן שווײַגן)
אַז אַ ווינט — זײַן נשמה —
שלײַדערט זײַן גוף,
ווי אויף אַ צעכוואַליעטן ים
אַ צעלעכערטע שיף,
וואָס קאָן נישט דערגרייכן קיין ברעג.
די איינזאַמקייט — ווי אַ הונט
זײַנע וווּנדן ער לעקט.
און די וועלט
וואָס פֿרעמד איז און פֿאַרפֿרעמדט,
פֿרירט אין אים און פֿרירט אים אײַן
אין אײַזקעלט.

העלפֿט נישט די קליידונג זײַנע,
העלפֿן נישט די אויסגעטראַכטע פֿאַרגעניגנס,
כּדי צו גרייכן אַ ביסל גליק
מוז ער קלעטערן אויף די חלום־שטיגן.

שווער אַרויסצושרײַבן

שווער, שווער אַלץ אַרויסצושרײַבן.
לייגסט דײַן קאָפּ אויף יעדער שורה,
בעת דײַנע בליקן אין די נעכטנס
אַרומבלאָנקען.

שטילע רייד, תּפילה־רייד
ליפּן דײַנע מורמלען.
און אַז דײַן אָטעם ווילסט
אין שלווה אײַנהילן,
פֿאַרשווינדט דאָס בילד,
צערינט ווי אין חלום.

אין רוים פֿון נאַכט,
ווי אין מידבר אַ פֿאַרלאָזן קינד
איך זוך דײַן האַנט.
די נאַכט, אויף בענקשאַפֿט־כוואַליעס,
ערגעץ ווו שפּאַנט אַצינד.
לייען איך מיט צער אין שטילקייט טיפֿער
דאָס אָנגעשריבן וואָרט
און הער ווי עס זאָגט מיר: —
שוין שפּעט.
צו שפּעט,
שפּעט.

לייג איך מײַן קאָפּ אויף יעדער שורה
און בעט: —
פֿאַרלאָז מיך נישט אין מיטן וועג...

גאָט־העלף דיר, נאַכט!

אַ גאָט־העלף דיר, נאַכט!
וואָס האָט הײַנט געבראַכט פאַר מיר
דײַן געקלונג?

אָט טו איך אַ זונג,
און אַ ברום צו דײַנע תנועות,
וואָס אויף זייערע פליגל כ׳בין געפלויגן שוין
צו שטערן,
צו לבנה,
צו גאָט.

אָ, ווי גוט איך קען די סכּנות
וואָס דו טראָגסט אין דײַנע פליגל.
פון די תהומען טיפסטע
ברענגסט אַרויף די וועלטן מײַנע,
די פאַרשווונדענע,
און די שאָטנס פון מײַן ליבע
בײַ דײַנע שוועלן הויערן.

נאָר איצט —
אַז כ׳קאָן שוין מער נישט פליִען,
אַז כ׳קאָן שוין מער נישט רײַטן
אויפן פערדל פון קראַנקע צײַטן,
אַז כ׳קאָן שוין מער נישט אויף ווילדע כוואַליעס,
אויף וויאַגעס דײַנע זיך טרייסלען,
איז מײַן לעבן אויסגעפּיבערט,
און ווי די תבואה, נאָכן שניט, אויסגעדראָשן —
אַ גוטע נאַכט דיר, נאַכט,
און דעם לעמפּל וואָס פאַרלאָשן.

אויף דײַן שויס

אויף דײַן שויס, מאַמע,
האָסט מיך געקאָרמעט
מיט לעפל פון שווײַגן.

דײַן טרויעריק־צאַרט ניגון־וואָרט,
אַז אַ ייִדישע טאָכטער דאַרף זײַן באַשיידן,
אין אַנדערע זיך אײַנהערן
און אַליין שווײַגן,
פאַר קיין פרעמד אויג נישט ווײַזן איר לײַב,
און נישט האַלטן זיך גרויס.

פון דײַנע רייד, מאַמע, דעם זינען
נישט באַלד איך האָב באַנומען.
נאָר האָסט אין מײַן האַרץ געפלאַנצט די זריעה,
שפּראָצן איצט די קערנער דײַנע
אויף מײַנע פעלדער.

אויף דער וואַקלענדיקער שיף
איז דײַן יעדער וואָרט
פאַר מיר אַ נר־תמיד.

דײַן יעדער זאָג
אין מײַן האַרץ — אַ שטראַל איז אײַנגעפּאַסט.
צו דײַן מאַמע־ליבשאַפט
הערן זיך איצט אײַן
איך און אַנדערע.

אויף דײַן שויס, מאַמע,
האָסט מיך געקאָרמעט מיט אַ טרער
איז דאָס מײַן נער.

ווער בין איך?

אויף קינדערישע פּלייצעס
עול פון ייִדישקייט כ'האָב געטראָגן.
מילכיקס און פליישיקס געוווּסט שוין
אַז מען טאָר נישט פּאָרן.
אַז געוואָלט אַזוי שטאַרק אַ קעצל,
צי אַ הינטל טאָן אַ גלעט
און ווי די שיקסלעך לאַכן פריידיק,
האָט מײַן מאַמע מיך געשטראָפט: „פון וויגל אָן
מוז אַ ייִדישע טאָכטער ערנסט זײַן, הייליק".

אין מײַן היים האָבן ווינטן מיך
שטענדיק אין ערגעץ ווּ געטריבן,
דאָס יונגע ביימעלע,
אויף אַ פרעמדן באָדן אויסגעשפּיגן,
ווּ די וואָרצלען דאַרן אײַן
אין אַ פראַנצויזישער היים.

מײַן אָנגעזאַמלט פאַרמעגן:
בענקשאַפט אַ פולן טשעמאָדאַן,
פּאָרט מיט מיר אומעטום
מיט דער זעלבער באַן.
גורל פאַרקנסט האָט מיך צום לעבן.

און אַז מײַנע בענקשאַפטן זיך צעפּיבערן,
קיל איך זיי נאָר אַלץ אין שניי אין ווייכן
וואָס איך ליב אַזוי הייס אים.
איצט, אונטער זײַן צאַרטער ווײַסקייט
גליווערט אַ ים פון טרערן

וואָס פון מײַן וויִע
קאָנען אַלץ נאָך נישט פאַרשווונדן ווערן.

בין איך פון דורות פאַרשניטענע אַ צוויט געבליבן ?
מיט פיבערן אַלע צום שטאָם צוגענאָפּלט ?
און קום איך אין ייִדן-לאַנד
פרעמד איז דאָרט מײַן לשון,
פאַרשעמט שטייט עס,
טרויעריק — אַ יתום.
ווער זשע בין איך ?

טו אויס פון דײַנע אויגן

פון דײַנע אויגן טו אויס דעם טרויער,
באַהאַלט אים ווי אַן אוצר אין זכּרון־שײַער. —
ווײַל דיר האָט דאָס מזל צוגעטיילט
אַ לאַנגן פּרילינג־דויער.
איז דען יעדן אַזאַ גורל
גאָר באַשערט ?

די האַרץ־ווײַזערס
די שעה פון באַגער שוין ווײַזן.
געפּילן שפּראָצן אַרויס פון דאָס נײַ
ווי גראָזן פון פאַרפרוירענער ערד.

וויל דער מוח פאַרן צער־קעניג
דיך זאַלבן —
אויפן טרויער־טראָן דיך זעצן.

נאָר דער אַלטער פּאַטריאַרך
האָט נישט מער די בכורה,
דער האַרץ־ברויז,
דער בלוט־פלוס,
דאַרף נישט קיין בורא :
זיי האָבן פאַר קיין גיבור נישט קיין מורא.
און יעדער גליד פונעם גוף
ליגט אין רשות
פון האַרץ־פלוס.

טו זשע אויס דעם טרויער פון דײַנע אויגן,
זע, ווי דאָס לעבן שטייט פאַר דיר געבויגן.

האָפענונג

האָפענונג, — אַ גרינער פויגל
מיט ווײַסע פליגל, —
שטענדיק און אומעטום שוועבסטו אין געווירבל.
איבער הימל,
איבער גרענעץ,
אייביק ביסטו בלענדיק.
ועסטו ברענגען מיר אַמאָל
די ליבע־שטראַלן וואָס פיטערן זיך
אויף די אַלפּן־בערג אין בלאָען שניי?

מײַן רוקן בייגט זיך
פון שלעפּן ליים פאַר ציגל
אָן אַ באָדן פאַר זיי.
און דו, האָפענונג מײַנע,
אויף זיבן שלעסער ביסט פאַרריגלט.

אַמאָל, אַמאָל אויף דײַנע פעלדער
קערנער כ׳האָב פאַרזייט
זענען זיי אין ערב־שפּראָץ
אויסגעדאַרט געוואָרן.

און איך, איך טרוי דיר נאָך אַלץ
וואָס לעבן האָט מיר נישט געשענקט.
ביסט שטענדיק מײַן באַנק, די אײַזערנע,
פאַר יעדן מײַן פאַרלאַנג.

האָפענונג, גרינער פויגל מײַנער,
נעם מיך אויף דײַנע פליגל,
פלי מיט מיר
און ווײַז אַ שפּאַרע מיר צו דײַן עשירות,
וואָס געזען כ׳האָב נאָך אין וויגל.

צום אינדזל פֿאַרגעסן

איך וואַנדער נע־ווּנדיק
אין מײַן אייגענעם איך,
איבער שטעט און לענדער
ווי אַ נאָמאַדין
צום אינדזל **פֿאַרגעסן**.

עס רוישן אין מײַן אויער נאָך
די קריג־סירענעס
פֿון געפּאַלמעסטע מעת־לעתן.
און צײַט — וואָס ווײַטער זי פֿאַרגייט,
ווערן שאָטנס אירע גרעסער, גרעסער.

בריט מיך זייער אײַזיקער אָטעם,
דער ריח פֿון פֿוילונג מיך שטיקט,
זיי האָבן נישט קיין טירן קיין שלעסער
און פֿירן זיי ווילן מיך אויף צוריק.

די וועלט האָט אין קליידער פֿון פֿרידן
זיך איבערגעטאָן אויף דאָס נײַ.
אויף הײַזער פֿאַראַנען שוין נײַע
און היימען — ווו קינדער זיך שפּילן.

לויף איך און זוך דאָס אינדזל **פֿאַרגעסן**
די פֿײַנען פֿון קריג כ׳זאָל לאָזן אויפֿן אָרט,
נאָר עס לויפֿן מיר נאָך די געשאָכטענע מעת־לעתן
פֿון דאָ און פֿון דאָרט.

מען זאָגט

מען זאָגט,
אַז אין יאָרן, יאָרן אַרום
וועט אַ ייִדיש ליד
ערגעץ ווו אין אַן אַנטיקן־ביבליאָטעק,
אויף פּאָליצעס מיט שטויב באַדעקט
ליגן שטום און וואַרטן —
ווי אַ בליץ אין ערב־ווינטער —
קומען זאָל אַ למד־וו׳ניק
פון אַ מידבר — קוויקן זיך פון אָט דעם קוואַל.

און אפשר גאָר אַן אַנטיקוואַר
אומגעריכט אַנטדעקן וועט
דעם אוצר ייִדיש־ביכער,
אײַליק מישן וועט ער בלעטער, בלעטער,
פון דורות לאַנג פאַרגעטערט,
געראַטעוועטע פון שׂריפות, חורבוינעס
און פאַר פרייד —
פאַרכליניעט ווערט ער פון זכרונות.
און אַז ער וועט זיי וועקן,
וועלן זיך שרײַבער איבעררופן
און דיכטער — פון שטעט און לענדער,
פאַרשרײַבער פון ווייי און וואַנדער —
וועלן דערציילן ווי געקומען מ׳איז צואַנאַנדער.

ווי —
פאַרייִדישט מ׳האָט טײַכן סלאַווישע
ווי פאַרהיימישט — פליײַנען, וועלדער,
און ווי געוואַרט עס האָבן ייִדן
אין בטחון־געוועלבער.

ווי אין ליכט־צעצונדענע פרײַטיק־צונאַכטסן
געקלונגען האָבן זמירות־תפילות
און די זין און די טעכטער
געזונגען האָבן פרײַהייט־לידער
אין רויטע פאָנען אײַנגעהילטע,
און פון ציון — בלויע, ווײַסע, —

וועט מיט שטוינונג זײַן פּען זיך קוויקן,
און זײַן האַרץ פון פרייד וועט טאַנצן
און איך וועל וויסן, אַז אויך מײַן ליד
האָט געצוויטעט צווישן אָט די פלאַנצן.

— — — — — — — — — —

מ׳זאָגט,
אַז אין יאָרן אַרום...

ייִדיש־קודש

אין וועלט־טעמפּל פון ייִדיש,
צעוואָרפן אין ווינקלען,
פאַרליבטע, מיט זון אין די הערצער
און וועלט אין די אויגן,
שמידן און צערטלען די פון דורות
געהייליקטע ייִדישע ווערטער.

דער טראַכטער, דער געטרײַער,
שאלות האַרבע בײַסט און קײַט.
און פון ווונדן דעם פיבער
קילט ער אויף ייִדיש, באַנײַט.

פרעגט דען דער בוים
בײַ ווינט און בײַ רעגן?
פון שטאַמיקע וואָרצלען
מיט זאַפטן באַלאָדן
ער בליט ווי תמיד
מיט פּירות און קאָלירן.

אין וועלט־טעמפּל פון ייִדיש,
דער בעל־חלום, פון עכאָס ער הערט
ווי רוישן זיך קרייצן,
ס׳זאַפטיקע לשון
פון יונגען און מיידן,
פון מאַמעס בײַ „גאָט פון אברהם"
אין שבת־פאַרנאַכטן פרומע,
געוואָרט האָבן אויף שטערן דרײַ,
די ערשטע,
די וואָך פון בטחון אין ציטער פון אַ שמייכל
אויפסנײַ אָנצוהייבן.

אין וועלט־טעמפּל פון ייִדיש —
זינגער געבענטשטע
לידער און ביכער געבערן.
ווי פייגל צו פרילינג,
פון ווײַטן צו נאָענטן
בשׂורות פאַרשפּרייטן,
פון אָבות צו אייניקלער,
די ייִדישע ירושה מיט יונגשאַפט
באַלײַכטן.

אונדזער רײַך־אָרעם פאַרמעגן
פון תנכישער חכמה,
אין בלוט דורכגעווייקטע שלאַכטן
ליגן נאָר אין היילן
מיט רויביקע פינגער געצייכנט
און וואַרטן
אויף אַ מענדעלע, אַ פּרץ, אַ שלום עליכם.

איז צו וואָס מיט צווייפל פאַרוואָלקענען מײַן לשון?
ס׳ייִדיש־טעמפּל מיט פאַרבן פרעמדע באַמאָלן?
מײַן דורותדיקע, פעלדזיקע ירושה, צוזאַמען מיט כוואַליעס פון יאוש
אויף צײַט־וואָג איך לייג
און פאַרן צווייפלער לאָז איך די אייביקייט.

מײַן מאַמעס הענט

מײַן מאַמעס הענט,
זיי האָבן מיך געקאָרמעט,
מיך געצערטלט און געהיטן,
און סכּנות פֿון מיר פֿאַרמיטן, —

מײַן מאַמעס הענט.
מ'האָט געקענט זיך אויף זיי אָנשפּאַרן,
מיט די שפּיצן פֿון זייערע פֿינגער
אַוועקגעשאַרט זי האָט געפֿאַרן.

מײַן מאַמעס הענט —
זיי האָבן קיינמאָל נישט גערוט.
צום וואַשן וועש
זי האָט דאָס וואַסער אַליין געשלעפּט,
ברויט געבאַקן,
געקעכץ געקאָכט
אַלע טעג פֿון דער וואָך.

נאָר פֿרײַטיק־צו־נאַכטס —
די מאַמע צינדט די לעכט
און נעמט אַרום די פֿלאַמען.
צוויי פֿליגל פֿון אַ מלאך —
די ווײנענדיקע הענט פֿון מײַן מאַמען.

אין תהום

תהום. חשכות.
נישט דאָזיקע קולות קרייַזן מיך אַרום.
און פון געדיכטן זומפּיקן שוים
איך רייַס זיך אַרויס.

שלאָפּלאָזע נעכט.
אַ ליימיקע מאַסע — מייַן גוף.
דער דרויסן — אַזוי נאָענט,
אַזוי ווייַט און פרעמד איז.

אַמאָל — דאָס פעלד דאָס צעבלומטע,
שפּילט זיך מיט ווינט און מיט מיר,
און איך — אַרייַן בין אין שפּיל —
אַזאַ שטיפעריש קינד.
און עס קומט דאָס זשומען פון בין
און דער קנאָספּ פון אַ בוים,
און פירן אַרייַן מיך אין טרוים.

איצט —
ווי אַ צעבראָכענע שיף
פון שטורעם געשלעפּט,
כ׳וויל אין געראַנגל דערגרייכן
אַ ברעג, —
אוי, ווי דערגרייכט מען דעם ברעג ? —

צו די ווינטן

צעבראָסטעטע, צעלאָזענע ווינטן.
רײַטער אויף לופטיקע שויסן.
קריגער מיט באַרגיקע פעלדזן.
קעמער פון כוואַליעשע שרינטן.
טרעגער פון זאַמדן און פלאַנצן.

נישט איינעם איר זענט דערעסן,
נישט איינעם איר זענט דערווידער,
נאָר איך —
איך קוק אײַך אויס ווידער און ווידער
און נעם אײַך אַרײַן אין מײַנע לידער.

אין סעדער אויף זומערדיקע ביימער
איר זענט בודק די פרוכט
צי זי איז ווערמיק,
איר שלײַדערט די שוואַכע ווי שטיינער
פון בערג פון שטילע אין צעפּאַל.

פון די בלעטער וואָס איר רײַסט און צעשלײַדערט,
גאָלדענע טעפּיכער זיך צעלייגן
און איך — ווי צוריק געוואָרן בין אַ קינד,
וויל בײַ ערד
אירע זאַפטן, די פרישע זייגן.

אַז עס קומט דער ווינטער דער קאַלטער,
די ערד — אַ נאַקעטע ווי חוה,
און די ביימער — אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן,
ברענגט איר פערענעס ווײַסע —
שנייען,

און דעקט זיי איַן
זיך צו וואַרעמען אין צווייען.

בין איך איַך מקנא, ווינטן פריַיע,
און נישט איין מאָל גליַיך איך זיך צו איַיך.
אָ, ווען איר ברענגט כאָטש אַ וועלט אַ בעסערע
אַ נייַע.

אַ שעה אַזאַ

פאַראַן אַ שעה אַזאַ
וואָס באַפרייט מיך פון אַנגסט, פון מורא
טוליע איך זי צו מײַן האַרץ צו,
ווי צו מאַמעס ברוסט אַ קינד
אין זיסן שלאָף,
און בעט ביי צייט
אָפּשטעלן זי זאָל איר גאַנג.

נאָר אין מוטנעם טײַך פון לעבן
קאָן אַ שעה אַזאַ דען האַלטן לאַנג ?
פאַל איך ווי אַ פיש אין נעץ־געפאַנג —
אומבאַהאָלפן — אויף טרוקענעם ברעג.

לעבן אין צווייען

לעבן אין צווייען
איז נישט תמיד קיין גאָרטן געפּלעגטער,
פון בלויז פריילינגס צעשמייכלטע בלומען.

לעבן אין צווייען
איז נישט תמיד פון ליבע פרימאָרגנס דאָס קומען.
נישט בלויז פון צעפּלאָשעטע יאָרן אין יינגשאַפט אויסגעוואַרעמט
פון מאַמעשע זונען
און וויזיעס פון ווינטלער
וואָס שוועבן אין הימלען.

לעבן אין צווייען
איז אויך זאַפטן פון רייפער צעפּאַרעטער פרוכט
פון איין בעבער געטרונקען,
איז גראָזן, פון זומערס צעברענטע,
אין געראַנגל מיט יאָרן פאַרשווענדטע.

לעבן אין צווייען
איז האַרבסט גראָער, פאַרקילטער,
ווען דער זכר פון צייט קלאַפּט אין די לאָדנס
און דער שפּיגל ווייזט די ערשטע סימנים פון שאָדנס.

די לאַסט פון יאָרן אויף פּלייצעס
שווינדלט פאַר די אויגן
ווי די באַן בעת זי לויפט מיט באַגאַזש.
דער גורל קוקט ציניש און לאַכט
ס'איז געווען, ס'איז געווען און נישטאָ מער.

לעבן אין צווייען —
מיינט אויך דעם ווינטער דעם שווערן אויסהאַלטן,
ווען דער גוף אין תפיסה הייבט אָן פרירן.
וועלטישע שפּרײַזן מיטהאַלטן,
בעת אין שלאָפלאָזע נעכט
דו טרינקסט פון בעכער באַדויערן.

מײַן פּאָרטרעט

מײַן אייגענעם פּאָרטרעט
כ׳האָב ביז איצט נאָך נישט געמאָלן,
ווײַל נישט תמיד לײַכטן די זונען
אויף מײַן פֿאַרוואָלקנטן פּנים.
און כאָטש כ׳וויל נישט פֿאַרפֿאַלשן די פֿאַרבן
און די קאַרבן
וואָס די צײַט האָט געמאַכט,
וואָלט איך וועלן מאָלן מײַן בילד
פֿון אַ לעבן
צווישן טאָג און נאַכט.

די ווילדע ווינטן וואָס מײַן לײַב האָבן געאַקערט
און געלאָזן אויף מײַן גוף שווערע וווּנדן,
צו מײַן נשמה זענען נאָך נישט דערגאַנגען.
קוקט פֿון מײַן אויג אַרויס נאָך אַ שטראַל
ווי ס׳קוקן קינדער אַרויס דורך די שויבן.
און איך וויל נאָך אַלץ מאָלן מײַן בילד
פֿון אַ מענטש וואָס האָט נישט פֿאַרלוירן
דעם גלויבן.

די זכּרון־טיר

יעדער פרילינג
צעעפנט אין מיר
פון פרייד און טרויער
די זכּרון־טיר.

נישט פון יאָר־פּאַרגאַנג,
פון באַדויער,
נישט פון פּנים־קנייטש,
פון האָר גרויע,
נאָר פון מײַן היימיש יונגן וואַלד,
וואָס די רוצחים האָבן אויסגעריסן.

און פון מײַן האַרצנפרײַנד —
דער שענסטער בוים אין זײַן געבלי,
וואָס ערגעץ־ווו אין רויכעס־רוים
עס שוועבט זײַן קבר
ווי ווערעם גלי.

און אין דערמאָנונג — כ׳רעד צו דיר,
איך זוך דײַן טראָט אויף וואַנדער־וועגן.
און אַז דער טרויער וועט פרעגן: —
וווּ ביסטו, וווּ?
וועל איך ענטפערן: אין מיר!

יעדער פרילינג
עפנט דעם זכּרון ברייט די טיר
— און אַלץ וואָס געוועזן איז
גוטס צי שלעכטס,
לעבט אויף צוריק אין מיר.

נאָטן פון כוואַליעס

ווען כוואַליעס,
אין צוריקשלעפּ פון שטורעם,
ציִען זיך צוריק פונעם ברעג,
אויף אויסגעצוואָגענע זאַמדן אָרגלען זיי לאָזן.

אין עכאָס דרימלען די נאָטן,
פון קולות — צעכוואַליעטע שטורעם־קאַראַהאָדן.
פון אַזויפיל שיפן און שיפלער
וואָס דערשווימען יאָ און דערשווימען נישט
פון פישער־געראַנגל אין אייגענע נעצן.
פון ימיקע שווערדן אין מענטשלעכע גופים.

אָ, פישער דו פישער,
וואָס קענסט יעדער תנועה
פון דײַן ימיקן שפּײַזער
וויפל מאָל ווערט ער דײַן גזר.
דײַן אָרון.
און באַגלייט דיך מיט ווילדן געלעכטער
צו דנאָען.

נאָר אין די נאָטן אָט די
איז אפשר אַ תפילה פאַראַנען
פון פישערס פאַרנעפּלטע באַגינענס,
ווען געלאָזט ער האָט
אויף ימיקן פּנים זײַן שיפל
שווימען...
און עס וואַרטן די עכאָס
אויפן מוזיק־מײַסטער און שרײַבער
ער זאָל די ימיקע סודות
פון אָט די נאָטן אויסשפּינען.

פון מיַין יונגער זעונג

א

פון מיַין יונגער זעונג
כ׳האָב מיר אַ טעמפּל געבויט.

דעם פונדאַמענט —
אויף ליבשאַפט געשטעלט.
פון האַרטן באָדן, מיט נאַקעטע הענט,
ליים געשלעפּט,
אין זוניקע טעג —
ציגל געברענט.

פון צווײַגן און בלומען געפלאָכטן דעם דאַך,
מיט באַגינענראָז די ווענט באַצירט;
פענצטער לויטערע,
טירן אָן שלעסער,
דער באָדן —
פון ווערטער ווייך־וואָל,
דאָס לעבן זאָל פליסן —
אַ שטילער, שאָרשנדיקער קוואַל.

ווען פאַרטיק געוואָרן איז מיַין טעמפּל,
און איך — גרייט פאַר דער תּפילה,
דערזען כ׳האָב אָן איינפאַך ווינקל:
יעדעס קינד קומט מיט אַן אַנדערער מגילה.

ב

מײַן האַרץ — אַ קוזשניע,
פֿיבערט, פֿיבערט־אויס.
דער פֿונדאַמענט וואַקלט זיך
אונטער לאַסט פֿון צײַט.

לויף איך.
לויף צוריק צו מײַן יונגער זעונג,
און אַלע וועגן
מיט גייערס באַלייגט.

די בריק צו איר —
שוין פֿון לאַנג, לאַנג
האָבן צײַט־כוואַליעס צעלייגט.

זעץ איך זיך אַוועק בײַם ברעג
אין פֿאַרגאַנגענהייט אײַנגעהילט,
און דעם שאָטן פֿון מײַן יונגער זעונג
ווי אַ קינד אַן אָפּגעפֿונענס
איך גלעט און גלעט.

דערמאָנונגען אין אַ ווײַסער נאַכט

אייביק־יונגע לבנה מײַן,
טאָכטער פון הימלען מײַן,
אַ גאַסט אַ זעלטענער אין פּאַריז
דו ביסט.
דײַן בליק — מײַן פאַרבענקטקייט
צוריק צו וויג מײַנער פירט.
און אַז דו ווײַזסט זיך אַמאָל
אין מײַן הויף דעם ענגן.
רוישט, ווינטיקט און ברומט פון מיר
צו דיר,
צו דיר.

הײַנט מײַנער,
אין די אַמאָלן כ׳וויל דיך שפּאַנען —
ווען צווישן פעלד און וואַלד
אין חלום־וועגן
מיר זענען געגאַנגען.
רוימען אומבאַקאַנטע געזוכט
און גערופן
און פאַרמאָגט האָב איך אַ פּרילינג,
הײַזקעס, וואָס צוביימער צוגעטוליעט
און דו, לבנה מײַנע,
האָסט שוואַרצע כאַטעס אָפּגעזילבערט,
פון זייערע דעכער די לאַטעס אויסגעגלײַכט,
בעת די אויגן מײַנע אויפגעפּראַלטע גאַפן: —
ווער האָט אַ נאַכט אַזאַ באַשאַפן?

און דער שלאָף איז היילונג.
אויף די פענצטער טוט ער היילן,
און מײַן מאַמע, מיט האַנט פאַרשלאָפענער,
אַ קינד פאַרוויגט.

אויך דער מאַרק
האָט די דאגה־קליידער אויסגעטאָן
און שלאָפט.
עס שלאָפן שטעלעס, סטראַגאַנעס,
די געוועלבלעך מיט הערינג,
מיט ציבעלעס,
מיט טשוועקעס,
בלויז דער הונט, דער פּוילישער,
וואַיעט־אויס זײַן הונגערליד.
און דו, לבנה, מיט דײַן יהושע־פּנים
היטסט דעם שלאָף פון אַלע עלנטע
און באַטריבטע.

איז מײַן הויף דאָ, אין דער שטאָט פון ליכטער,
הײַנט באַוואַכט פון דיר געוואָרן.
און עס קומען מיר צו חלום יענע בלייכע געזיכטער
אײַנגעהילטע אין דײַן שײַן
וואָס שווימט פון טײַך אין מײַן נאַכט אַרײַן.

אַ נעפּל־טאָג אין פּאַריז

עס קריכט דער טאָג אין דער ריזיקער שטאָט,
ווי אַן עלנטע קאַץ
אין אַ פאַררויכערטן קעלער.

דער הימל צו דער ערד נייגט אַראָפּ
פאַרכאַפּט פונעם נעפּל,
און נעאָן־ליכט,
ווי אין שוימיקן זומפּ,
צווישן בולוואַרן, גאַסן.

מענטשן, פאַרלוירענע שאָטנס,
איַילן צו אונטערערדישער באַן.
ס׳פאַרביקע פּאַריז מיט שליימיקע טרערן
גיסט, גיסט.

שלעפּט זיך דער טאָג —
אַ זקן אויף ליימיקע פיס,
און שלעפּט מיט מײַן בענקשאַפט,
מײַן געמיט.

אויפן קאַרליק־באַרג

אויפן קאַרליק־באַרג
זעצט זיך די זון
און שמייכלט קאַרג,
רײַסט איר בליק אָפּער
דורך ברילן־כמאַרעס,
הילט און צעהילט זיך
דורך בלאָע שפּאַרעס,
ווי אַמאָל מײַן גראָער מלמד
אין געלן טלית.

די קאַרליק־בערג
מיט געדיכטע בערד
און לאַטעס גרינע
ליגן ווי בערן פוילע
און תמיד דרימלען.
וועגלער, שרינטן,
קרײַזלען זיך דאָ און דאָרט,
און איך זוך אַ צייכן
פון אַ היימיש דאָרף.

טרעף איך אויף אַ בוים
אַ פויגל־פּאָרל מיט זיך פאַרפּאָרעט,
און אַ הײַזקע,
אין רייפן זומער
אײַנגעטוליעט,
און ליכט־טויען אויף גראָזן
רינען.
אויסגעקילטע, טערפּקע טרויבן,
גאַרן נאָך הייסע זונען.

נאַכט,
ווי אַ נאָנע אַ פֿרומע,
צעשאַרט
איר שוואַרצע פּעלערינע,
פֿון אונטער וואָלקן־בערג,
זיך ראַנגלט אַ געלע
אויסגעמאַטערטע
לבנה.

אויפן באַניע בית־עולם

אָ, גאָט!
איך קום בײַ דיר גאָרנישט בעטן.
גאָרנישט, גאָרנישט.
אַלץ וואָס דו פאַרמאָגסט,
האָסטו מיר שוין געגעבן —
און איך —
פון ווינטן און קוימענס פון טויט
כ׳האָב אַלץ צונויפגעקליבן.

אָ גאָט!
האָסט נעכט מיר געגעבן
די שׂריפות צו זיי צוריקצוברענגען.
אין מײַן חלום אָרונס אויסגעשטעלט,
מײַן זכּרון פאַר זייער היים מיר געמאַכט.
שטיי איך בײַ מצבות
מיט נעמען בלויז באַוווּינטע.
שיכּור פון צער־געטראַנקען,
מיט אבלות
אַ באַקרוינטע.

זון מײַנער

זון מײַנער —
אין הײם דײַן יונגער
באַגינענס נעכטיקע
מײַן זכּרון צוריק צעצינדן.
פון דײַן קינדערישן נעפּל-פּלאָנטער —
ברעקלעך ערשטע רייד
כ׳קלײַב צונויף.

אַזויפיל מאָל
עס האָבן דײַן בלייכן גוף,
דײַן וואַקלדיקן טראָט,
ווילדע כוואַליעס געוויגט
און שיכּורדיק צום תהום געשלעפּט.

אויגן מײַנע — מידבר-טײַכן אויסגעטריקנטע,
דורך אַ וואָלקן רויך מײַן וואָרט
צו דיר אַרומגעבלאָנקעט.

איצט, אין הײם דײַן צעגרינטער,
מיט יונגשאַפט צאַרטער אויסגעצירט,
די זון מײַן בלייבע
אין פאַרבן נײַע זיך שלייערט,
מידבר-צײַטן גרינען.

די שאָטנס פון דײַנע קינדער-יאָרן
בײַ די הענט מיך פירן,
ווי פּרילינגס-טעג פאַרלאָשענע
זיך צעבליצן.

אַ בונד אַ נײַעם מיט לעבן כ׳האָב געשלאָסן,
פרייד, אויף פּיסלער קינדערישע,
מיר אַנטקעגן טאַנצט,
און צו דיר, מײַן זון,
קינדערלער זיך ציִען
ווי פייגעלער צו הימל־בלוי.

בײַ טיר פון צײַט איך שטיי און היט,
פון נשמה און גוף איך מאַך אַ פּויסט,
די שלאַקסן פון מלחמה
פאַרצוימען מיר דעם וועג.
ביימעלער מײַנע, גרינע,
מאָרגנס וואָלענע זאָלן געפינען.

בײַנאַכט אין די בערג

איך טרינק די שטילקייט פון דעם באַרג
ווי פּסח־ווײַן מײַן טאַטע.
די לבנה שווימט אַראָפּ פון דעם פעלדזן־קאַרק
אויף די שויבן פון אַ דרימלענדיקער כאַטע.

עס רופט די נאַכט זיך מיט דער שטילקייט איבער,
ערגעץ־ווו אַ שטערן פאַלט
און די שרעק אין פליִענדיקן ציטער
אונטער שוואַרצע וואָלקנס זיך באַהאַלט.

ס'איז שטיל און דורכזיכטיק די נאַכט אַצינד,
אין טיול פאַרפלאָנטערט, אײַנגעדרייט.
ערגעץ וויינט אַן עלנט קינד,
אַ ווינטל דאָס ווײנען אין טאָלן צעווייט.

צו די שפּיצן פון באַרגיקע העלדזער
ציִען, ווי שרונטן צעקעמטע, זיך וועגן,
און ס'וויקלען זיך איינער אין צווייטן די וועלדער
מיט קוואַלן־געזאַנגען בײַ די שטעגן.

מײַן קאָפּ איך פאַררײַס צו די שטומע וואָגעזן,
באַצויגן מיט קרוינען פון שטערן.
זאָלן שלאָפן די שאָטנס פון צעברומטע מעת־לעתן,
זאָל קיינער די שטילקייט נישט פאַרשטערן.

צום ים

ים, דײַן אָטעם —
ווי די שטערן אין הימלען,
רײַסט זיך אַרויס פון די רעמען.

דײַן רוישן און רעשן זענען לשונות
פון ברואים, וואָס שווײַגן און קעמפן
אין דײַן אינגעווייד.

דער סוד פון דײַן בראשית
אין וויקל־שנורן ליגט נאָך פאַרהוילן
הינטער ווענט פון סמבטיון
און טורעמס פון געפאַר.

און אַז דו שיכּורסט זיך אָן מיט כּעס —
ווערט דאָס ווי אַלעטן־פּנים דײַנס
ווי פון אַ שטאַרבנדיקן זקן.

נאָר געאָרעמט מיט ווינט מיט גראָען —
אין פיבערדיקן געלויף,
מיט וואַסער־ציין שאַרפע
פון דײַן צאַרטער שוועסטער
שטיקער דו בײַסט —
די ערד די גוטע צו פאַרשלינגען.

און מיטאַמאָל,
אומגעריכט,
דרייסט איבער דײַן זייגער:
דער ווײַזער פון כּעס און פיבער
יעדן צייכן פאַרווישט.

אַ יונגער שמייכל, אַ בלאָער,
אומדרייסט, שטיפעריש,
באַפּאַרבט דײַן געזיכט.

אין דײַנע פּאַלדן, זון־שטראַלן,
ווי גאָלדענע פלאַטערלער מיט שנאָבעלער ווײַסע,
אונטערטונקען זיך שווימענדיק.

און איך —
בײַ דײַנע ליפּן, אויף זאַמד דעם צעגליטן,
איצטער איך ליג.
דײַן אָטעם, ווי פינגער פון מלאכים,
הילן מײַן גוף
און פון מויל דײַנעם טענער זיך ציִען,
ווי מורמלענדיקע געזאַנגען פון תּפילה.

יאָגן זיך וואָלקנס

עס יאָגן זיך וואָלקנס ווי שעפּסן קודלאַטע,
ס'וויל איינער דעם צווייטן דעריאָגן.
אַ טאָג אַ דערשראָקענער קײַקלט אַראָפּ זיך צום ברעג
אַ שיכּורער שטורעם דרייט זיך אין קאַראַהאָד.
ס'איז ווילד און דול איצט דער ים —
די ברעגן ער שלינגט אין געיעג.

מיט ווינט און רעגן אין געוועט
ווי אַ הײשעריק לויפט ער צו מײַן שוועל
און פאַרכאַפּן אויפסנײַ ווי אין בראשית
וויל ער די וועלט.

אַ שיפל אַן איינזאַמס מיט שטראָם אין גערראַנגל זיך יאָגט
פון כוואַליעס, ווי זילבערנע שטריק, ס'ווערט געפאַנגען,
און רײַסט זיך אַרויס אויפסנײַ
און ווידער אונטער גלעזערנע ווענט
פאַרשווינדט.

בײַם פענצטער מיט ציטער איך זיץ
און דאָס שיפל איך זוך אין די פינגער פון ווינט.
אין געשניט פון אַ בליץ
שווימט דער פישער אַרויס,
געשלײַדערט אויף כוואַליעשער שויס.

נאַקעטער פרימאָרגן

דער פרימאָרגן האָט אויסגעטאָן די רעגן־קליידער.
דער הימל אַ בלאָער, מיט פלעקן גראָע דורכגעזיפּט.
אַ געלע זון פון הינטער די בערג זיך שאַרט.
שווער איז איר דער באַרג־אַרויף אַצינד.
שטיל, שלווהדיק, ווי נאָך אַ שטורעם, איז די לופט,
דער נעפּל, דער געדיכטער, זײַן גראָען טוך פאַרוויקלט:
שטיקער אָפּגעדעקטע בערג
דרימלען שמייכלענדיק אין דער אייביקייט אַרײַן.
די לאָטעס, די ווײַסע, אויפן גרינעם באַרג־קלייד,
ווי דערשראָקענע שוועלבעלעך פאַרשווינדן.

ווי גוט ס׳איז דער פרימאָרגן הײַנט צו מיר.
בײַ דער האַנט ווי אַ מאַמע ער פירט מיך,
וואַשט דעם שטאָטישן געליאַרעם פון מײַן פּנים
פון פאַרדאַגהטן קלעם באַפרײַט מיך.
אַ באַרג־מענטש אַן אָפּגעברענטער
מיט אַ גוט־מאָרגן מיר אַנטקעגן גייט,
און ס׳ענטפערט דער עכאָ,
פון ווײַטע ווײַטן:
— געבענטשט זײַ, מענטש!

אָ! סודותפולע באַרגיקע ריזן,
אויף קעפּ אויף אײַערע,
מײַן קינדהייט
ווי לאָמפּן איך צעצינד.

ערב שטורעם בײַם לעמאַן

דער הימל פֿאַרגרויט, אַ שווער־באַפּלעקטער,
ווי די פעל פון קי מיט פולע אײַטערס,
אין צעגליטע היצן
אויף לאַנקעס צעפּרײַכטע.

די בערג — אין וואַסער אײַנגעהילטע,
מיט פּיס דורך נעפּלען אַרויסגעשטאַרצטע —
ווי ברוסטן שטײַפע פון יונגע פרויען
אין בלוזעס ענגע, אויסגעפּאַסטע.

די זון — אַ ברוין־צעגליטער מאַרמאָר,
מיט לעצטער קראַפט שטויסט יעדן וואָלקן.
און פון זײַן שטויסן לויפן בליצן,
סיגנאַלן שטומע פון קומענדיקן שטורעם.

צאַפּלט מײַן וויִע און מײַן גוף ציטערט,
כ׳זאַפּ אײַן דעם רויש, די מורא און דעם קרעכץ,
ס׳געלויף פון מענטשן, ס׳געררויש פון שפּראַכן,
וואָס טרעטן אָפּ פון לעמאַנס ברעג.

קעמט דער ווינט מײַנע פּײַכטע האָר
און אַ מידבר־היץ פון מײַן גוף איצט פלייצט,
דער ערב־שטורעם האָט אויף גאָר דער וואָר
אַ גרויען האָריזאָנט רויט צערייצט.

בערג

ווי אין בהמה־פעלן
מיט וויַסע לאַטעס אָנגעטוענע,
טוליען זיך בערג אונטער ווייכע פערענעס שניי
אין גלעזערנע פּאַלאַצן אײַנגעשלאָסן.

וואָלקנס גראָב־בײַכיקע
קומען דאָ נישט זעלטן
זייער דאָליע אויסצוגיסן.

אויף זייערע אויסגעדרייטע פּלייצעס
שלענגלען זיך וועגן, ווי זקנים איַנגעהויקערטע
צו מאָגערע פּערמס פון שכנים.

איבער די הײַזקעס
צווישן שפּיצן־ריזן,
רײַטן ווינטן ווי אין קינדער־שפּילן.

ווייסן די באַווױנערס,
אַז די וויוגעס אין דער לופטן,
וועלן כאַפּן אַ היַזל און אַנטלויפן...

נאָר אין די אַלטע באַרג־גופים,
דורך וועגעס פאַרשטיינטע
פליסן וויַסע בלוטן.

זינגען קאַסקאַטן לויטערע מעלאָדיעס:
די ווילדע ווינטן וועלן זייער לעבן דאָ
נישט באַצווינגען.

אַ וואַסער־באַלעט בײַ שאַיאַ־שוועלן

וואַסער־פּיס, לאַנגע, צעטאַנצטע,
גופים קרישטאָלענע אין ערד־זאַפטן געלײַטערט
וואָלקן־האָר יונג צעפּלאָשעטע,
שפּאַרן פון צוימען אַרויס.

אָפּגעגנאָפּלט פון מאַמע־בויך,
פון געפּלעכט צעוויקלט —
די טענצערס — אין וואַסער־קליידער
מיט צעפּאַלדעוועטע זון־פעדעם,
דורכגעהאָפּטן ווי מעוועס ווײַסע
מיט הימלבלאָ־שלייפן אין דער לופטן
טאַנצנדיקע שפּרײַזן.

וואַסער־ביימער,
פּוזשע־בלעטער,
ווי צעצונדענע ליכטער
ציִען זיך צו זיי.

טענצערס אין גאַלאָפּ
טוליען זיך איינער צום צווייטן.
צעעפענען זיך ווי פּאַר פּרימאַרגן
זון־שטראַלן אויף קווייטן.

דער באַלעט פון מיניעדיקע קאָלירן,
די ביימער־בלעטער — צאַפּלדיקע אַקאָרדן
ווינט־פידלען זיי באַגלייטן,
און אין עקסטאַז אין פּאַרשיכּורטן,
ווי זילבער־שפּראָצן זיך צעשפּליטערן
בײַ די שוועלן פון שאַיאַ.

צו אַ שטעטעלע אין די פּירענעען

פּאַלאַלדאַ,
פייגל־נעסטן אויף דײַנע בערג־פּאַלדן.
קוימענס פון הײַזקעס שטאַרצן אַרויס,
ווי הענער־קעפּ מיט רויטע קאַמען.
יעדער פערטל שעה — קירכע־גלאָקן
זיך צעקלינגען.
הערן פייגל אויף צו זינגען.

פּאַלאַלדאַ,
אין דײַנע געסלעך די שיפּועדיק שמאָלע,
מען קײַקלט זיך ווי פעסלעך,
און שטיבעלעך טוליען זיך צו גערטעלעך צעבלומטע.
טויזנט חנען דײַנע ווײַטן,
בערג מיט גרינע בערד,
און בליקן מילדע שטענדיק שמייכלען.
בײַ נאַכט:
אַ מעשׂהלע דו ביסט
פון שטערן באַלויכטן.

פּאַלאַלדאַ,
ווי אַ צווילינג־שוועסטער
אין צפת ביסטו געראָטן.
כ׳קאָן דײַן יחוס נישט,
דײַן אָפּשטאַם נישט באַקאַנט מיר,
נאָר זיכער — פון דײַן שוועסטער
מיט טרויער אָנגעלאָדן ביסט.
אונטער אײַערביידנס הימלען,
הייס און מילד איז באַרגיק אָטעם,
און אין די טאָלן אויף פליוש דעם גרינעם
דרעמלען אַלטע ווינטן.

שענק מיר פון דײַן ברויז

ים! —
איך ליג אויף דײַן ברעג
ווי אין מײַן מאַמעס װאַרעמער שויס,
דאָס ווינטל, ס׳גיין־גאָלדיקע,
דעם זאַמד מיט צאַרטקייט גלעט.

דײַנע כוואַליע־הענט ס׳ווינטער־בראָכוואַרג
וואַרפט פון דיר אַרויס
וואָס בייזע ווינטן אין דיר אַריינגעשלײַדערט
און דו רייניקסט דײַן לײַב פאַרן זומער
און פאַר מיר.

וואָלט איך ווען עפּעס אײַנאָטעמען פון דײַן ברויז
פון דײַן תאווהדיקן לויף,
פון דײַן שפּילנדיקער לירע,
כּדי צו קאָנען זינגען פאַרן יום־טוב פון באַנײַונג
פרילינגדיקע שירה.

האָסט אָנגעקלאַפּט אין מײַן הײמלאָזער טיר

האָסט אָנגעקלאַפּט אין מײַן הײמלאָזער טיר.
װינטן בײזע געװײט האָבן פֿון דיר.
פֿון דײַן פּנים, — אַ פֿאַרראָסטעטער פּאַנצער —
דײַנע אויגן אַרויסגעקוקט האָבן
װי פֿון אַן אָנשוױבנדיקן פֿענצטער.

דײַן נאָמען האָסט אַרויסגעצײנערט
פֿון דײַן אויסגעטרוקנטן גומען,
װי אויפֿגעטײַעט פֿון אַ פֿרעמדשאַפֿט.
און אויף דײַן האַנט — דראָטן שטעכיקע
געװען זענען אויסגעקריצט.

זענען מיר אַרויס פֿון דער פֿרעמדער שטוב —
אין דער װעלט געװען איז זומער,
און טרערן פֿון דער צײַט
האָבן אויף דײַנע װיִעס געציטערט.

אַ קריג־סירענע האָט פּלוצעם זיך צערױשט
און מיר בײדע זענען געלאָפֿן
און געפֿאַלן
אונטער אַ װאָלקן רויך.

אַז כ׳האָב דערװאַכט אויף אַ באַרג פֿון גרוז
(װוּ פֿריִער איז געשטאַנען אַ הויז)
האָבן זונשטראַלן לעצטע געשניטן דעם רויך
און אַ טרער אַ נישט־דאַיִקע
האָט געפּערלט אין דײַן אויג.

קאַרוזעלע פון פּלאַץ שאַטלע

אין ווינקלען בײַ טויערן
אויף געלעגערס צעוואָרפן,
ליגן מענער און פרויען.
זייער הויט־קאָליר — אַש,
דאָס פאַרמעגן אין אַ זאַק
פאַר אַ קישן אונטערן קאָפּ,
מיט פאַפּירן צוגעדעקט,
צופוסנס — אַ פלאַש.

ליגן זיי, די קלאָשאַרן,
גופים אײַנגעקאָרטשעט
אין דרײַען,
און קאָנען פונעם טאָג זיך נישט באַפרײַען.

און אַז אַ לבנה פאַרבלאָנדזשעט אַמאָל
אויפן הימל פון פאַריז,
ווי אַ שיכּורע מויד
אויף די קופּעס זי קריכט,
הענט, צעקאַרבטע, יאָגן זי
ווי אַ בײַסיקע פליג.

אָט די מענטשן בײַ די טויערן,
האָבן לאַנג שוין דעם וועג פאַרלוירן
צו היים, צו בעט.

צווישן נעאָן־ליכט שרײַענדיקן שאַטלע, —
אין שאָטן פון טעאַטער סאַראַ בערנאַרד —
ליגן זיי ווי פאַרגעסענע מתים,
און אין דער צעשרויפטער קאַרוזעלע
זיי זוכן אַ פענעץ נאַכט אײַנצובײַסן.

בײַם זױם פֿון דער סען

װי פֿלאַטערלעך צװײ
זײ שװעבן,
בײַם זױם פֿון דער סען.

הונגער אין די אױגן
ברענט און ברענט —
ס׳גאָלד אױפֿן טײַך זײ פֿאַרקלעמט.

אין יעדן זײער ריר — אַ װעלט װערט געבױרן
אין יעדן באַװעג — אַ זון,
און גאָרנישט, אױ, גאָרנישט
גײט נישט דאָ פֿאַרלױרן.

זײער יונגקײט צעבװאַליעט װי די סען,
זײער רעדן צעשױבערט װי דער װינט,
דער שמײכל װאָס פֿלײצט פֿון די ליפּן —
די רױטקײט פֿון שטראַלן און זינד.

דער ערשטער צעפֿליגלט זיך ע ר —
דער טײַך פֿליסט אַרײַן אין זײַן בלוט.
נאָר בײדע אין זעלבן באַגער,
זײ בײדן דאָס סען־װאַסער רופֿט.

ביז לבנה, פֿאַרפֿירעריש און מילד,
קריכט צוזאַמען מיט זײ אונטער בריק.
די יונגשאַפֿט — פֿאַרשיכּורט און װילד —
װײסט נישט, אַז מ׳רופֿט דאָס:
ג ל י ק!

אין דאָרף אויף וואַקאַנס

אויסגעחלומט,
אויסגעבענקט,
אויסגעשוואַנגערט,
אויסגעקעמפט. —
אויסגעוואַרט אַ יאָר אַ גאַנצס
און צו גרינער היים
דערפאָרן.

(וואַליזעס אָנגעפּאַקטע
מיט שטאָטישן גערויש
דאָ אויסגעלאָדן.)

און דאָ —
יעדעס גרעזל,
יעדער בוים
עפנט טיר און טויער
פאַר מײַן טרוים.
און איך —
אָטעם דורשטיק בלאָע שײַן,
כוואַליעס לופט,
דער זונס שטראַלן,
אין גרינער שטילקייט כ׳היל זיך אײַן —
אין זײַדענע וואַלן.

די ביימער,
מיט פרוכטן אָפּגעשאָטן
בעטן זיך, מיר זאָלן פון זיי געניסן
און פייגל, אין ראָזעווען באַגין
אונטער מײַן דאַך זיך צעצוויטשען.

בערג ווערן נאָענט,
ביימער — היימיש,
כ׳וויל פון שלווה זיך צעוויינען.
כ׳וויל צו אַל די שוואַרצע יאָר
וואַרפן אַלע פּיַינען.

און מיט אָט דער גרינער פאַרבנוואָר
די גראָע טעג פון שטאָט באַמאָלן,
און אייביק, אייביק בלײַבן וווינען
אין אָט דעם מילדן חלום.

אָ, לעבן

אָ, לעבן, הייליק געשאַנק,
פּאַרטרויט מען האָט דיך דעם שוואַרצן מלאך,
לויערט ער מיט דער שאַרף פון זײַן אייביק מעסער
אויף דײַן יעדן גאַנג.

און קאַטאָוועס ער טרײַבט מיט דיר,
ער רעדט דיר אײַן, ביסט איבער זיך באַלעבאָס,
נאָר ער גייט דיר נאָך מיט טויזנט אויגן
אויף דער שיינער ערד.

טויזנט קליידער טראָגט ער,
מיט זיי דאָס מעסער ער פאַרשטעלט
און דו, — מענטש, חכם, העלד —
ווייסט קיין מאָל נישט, קיינמאָל
וווּ דײַן לעצטן טראָט דו שטעלסט.

אָ, לעבן, דו הייליק געשאַנק.

איך און מײַן דאָקטער

דער דאָקטער — אַ בלינדער
מיט שפּיציקע פינגער
קלאַפּט אין מײַן קערפּער,
זוכט ווי אין אַ קעלער
אין דער פינצטער
און קרעכצט שווערשאַטעמדיק
אונטער.

איך קוק אין זײַנע אויגן.
זײַן קאָפּ איבער מיר געבויגן,
ער ציט ווי קײַ־גום זײַנע ווערטער.

נעמט מיך אויף אים אַ רחמנות,
קיין היילונג פאַר בענקשאַפט
נישט פאַראַן אין די שטודיעס.

שרײַבט ער מיר אָן אַ בויגן רפואות:
פּילן, סיראָפּס און נאָך און נאָך.
נאָר מײַן בענקשאַפט טריפט — טראָפּן נאָך טראָפּן,
דער דאָקטער פאַרסאַפּעט דערשראָקן גייט אַוועק.

כ׳פאַרפּלאָנטער מײַן טראַכטן —
נישט אַרויס זאָל דער סוד,
ס׳פּנים פאַרגעלט, הענט אָפּגעשרויפּט.

נעם איך צונויף די כּוחות לעצטע
שטעל זיך אויף מײַנע ווייִקע פיס.
אַ קאַרוזעלע זיך דרייט
אין מײַן אייגענעם גוף. איך בין ווי אין שטײַג
אַ געפאַנגענער לייב.

דערוואַרטונג

דער זייגער קלאַפּט־אויס די שעה
פון העלפטטאָג.

אומרו — אַ ווינט מיך יאָגט,
ווי בלעטער אַראָפּגעפאַלענע,
און מײַן האַרץ —
פון אומגעדולד פאַרשקלאַפּט —
קלאַפּט.

אין קאָפּ
אַווירבל מיש־מאַש. —
וואָס געשעט?
דער פרילינג צעמאָלן
איז דאָך לאַנג שוין
אויף אַש.
איז צו וואָס דער רויש,
דער רעש?

מײַן שויב איז פאַררויכערט,
דער שפּיגל — פאַרהאָנגען,
פאַרשטעלט,
און איך זוך דעם אמת
אין אַ נאַריש, אָפּנאַרישער וועלט?

נאָר עס טרײַבט צו דיר מיך
דורך נעפּלען
און ווי דער בעל־עגלה טרײַבט זײַן פערד
מיט דער בײַטש —
כ׳וויל דעריאָגן די צײַט.

אין די וואָגעזן־בערג

א.

עס קלעטערן נאָדלביימער
צו וואָגעזן־קעפּ.
פּוזשעס גייען זיי נאָך אויף טרעפּ,
ווי קינדער.

בײַ ביימער־פּיס
אַ טעפּיך פון בלעטער אויסגעפלאָכטן
אין פאַרבן פון זומערדיקן זון־פאַרגאַנג,
און אין דער מיט —
שלענגלט זיך אַ וועגל אין פּלאָנטער.

אויף פעלדזנקעפּ לייגן זיך וואָלקנס
גראָב־בײַכיקע,
ווי מידע קי.

הימלען ציִען זיך דאָ אַוועק
צו שוועבנדיקע חלומות,
און אַ נעפּל־רויך קרײַזלט אַרום
די נידעריקע, דרעמלענדיקע הײַזקעס —
וואָגעזן.

ב.

אין אַ טאָג אַזאַ
אויף שטיגן באַרגיקע
צווישן די דאָרפּישע שטובן
כ׳האָב געבלאָנקעט.
געזוכט אַ מענטש, אַ קול.
האָט אַ קירכן־גלאָק זיך צעגלאָקט
און פון נעפל אַ גלח איז אַרויס,
אַ הייליקן, שטילענקן גוטאָוונט מיר געשאָנקען
און צוריק
אין דער געדיכטעניש פאַרזונקען.

האָט די נאַכט איר קלייד אויסגעשפּרייט,
איינגעהילט די בערג און די טאָלן.
מיין געמיט האָבן מוזעס אַרומגענומען
מיטן געמפלטן טאָג מיך באַגלייט —
צו נאָגנדיקער שירה.

זונפאַרגײַ בײַם ים

אַ זון.
אַ רויטהאָריקער פלאַם.
אין ים — איר שאָטן —
אַן אויפגעברויזטער לויתן.

כוואַליעס, זילבער־האַרמאָניקעס,
שפּילן מיט וואַסער־פינגער
סודותדיקע טענער אויס,
און פאַרוויגן שכנים־ביימער
באַגאַסענע מיט פײַערפלאַם.

די רעשטלעך פון בראשית־פעלדזן
פורעמט דער ימיקער מײַסטער
אין סקולפטורן אויס,
און דער סאַמעטענער בין־השמשות
געדולדיק, פאַמעלעך שפּאַנט אַרײַן.
אַ באַרג — צופוסנס,
אַ באַרג — צוקאָפנס
אונטער אַ פורפורנעם דאַך צעלייגט זיך,
ווי אַ חשובער תושב די נאַכט.

דורך מײַנע מוח־שויבן

דורך מײַנע מוח־שויבן
איך קוק מיט אַנגסט און באַדויער
ווי גורל —
שטייט אַן עלנטער אין טויער.

דערנאָך —
אויף וויוגע־פּלייצעס עס פּאַרטראָגט אים
אויף פעלדזן־שאַרפן,
אין מידבר־הייכן
אַראָפּ און אַרויף.

און ער
אין גערעאַנגל פּאַרעקשנט,
פון חורבות־שטויבן
אין דער לופטן
פּאַרוואָרצלען וויל אַ נעסט.

און אַז אַ נס געשעט —
אָטעמען אים מען לאָזט
ערגעץ ווו אַ מעת־לעת צי צוויי
לויערן און דראָען אויף אים
וועלפּישע בליקן,
זײַנע געציילטע שעהען
צו פּאַרצוקן.

לויפט מײַן פיבערדיק האַרץ
נאָך דעם גורל
אין שטענדיקן געצאַפּל,
און אין ווירוואַר פון סטיכיע

דערגרייכן וויל אַ שטאַפּל
צי אַן אויסגעבענקטן אָאַזיס,
מיט אַ קוואַל אַ לויטערן
און זינגען שירה פֿאַרן טויער.
פֿאַר דעם געבענטשטן צופֿאַל.

דורך מײַנע מוח־שויבן
כ׳קוק מיט אַנגסט און באַדויער.

שטיינער ווערן אויך קראַנק

שטיינער מײַנע, געזאַלבטע שטיינער,
פון סקולפּטאָר איר אויסדערוויילטע,
ערגעץ ווו פון באַרג־פעלדזן געבראַכטע,
ווו אונטער שניי־פּערענעס
פאַרהילט,
אין דרעמל האָט איר געהויזט.

ס'טרעפט: אין מיטן ים איינזאַם איר בלײַבט
פון כוואַליעס געצערטלט און געשמיסן
מיניענדיק בלענדט איר אַרויס.
האָט דער קינסטלער, דער פאַרליבטער,
פון משפחה־פעלדזן אײַך צוגערויבט.

אײַך געפורעמט און געגלעט,
געשענקט אײַך טעג, געשענקט אײַך נעכט,
זײַן נשמה אין אײַך אַרײַנגעבלאָזן,
אַ נאָמען אײַך געשענקט,
צומאָל פאַראייביקט אין אײַך אַ מענטש.

ירשנט איר פון אים די קרענק.
איר ליגט אויפן אָפּעראַציע־טיש,
און דער דאָקטער די קראַנקע שטיקער
שנײַדט פון אײַער גוף.

חלומט איר אין אײַער שטיינער־קראַנקן שלאָף
פון אײַער ווײַטער היים,
פון הייכנס זון־געבלענד,
פון כוואַליעס געשווענקט
מיט טענות
הלמאי מ'האָט פון אײַך געמאַכט אַ מענטש...

וואַסער־טראָפּנס

וואַסער־טראָפּנס, אויסגעהאַפּטן
אין קליידער ווײַסע,
ברענגען גרוסן מיר
פון ווײַטן אַמאָל.

פון מײַן קליינעם קינדער־טײַכל,
דאָרט ווו יונגע פיס
זענען פריידיק אַרומגעפלויגן
און אין געלעכטער דעם צעשטראַלטן
זיך געבאָדן.

דעם שניי־מענטש, דעם ווײַסן גולם
געבוירן.
און —
פנימלער, קינדעריש צעפלאַמטע,
ווי רעגנבויגנס געשײַנט האָבן דאָרט.
אין היים, מײַן אַלטע, ווו מײַן קינדהייט
האָט געגרינט, מיט מאַמעס בליק באַלויכטן,
ווו פינגער פון פראָסט געקריצט האָבן
בלומען אויף די שויבן.
איצט, אויף יעדן ציגל, פון יעדן שטיין,
אַ טרער ווײנט אַרײַן אינעם גליווער
פון די טײַכן.

וואַסער־טראָפּנס טריפן, טריפן
אויף מײַן פאַרוואַלקנטן זכּרון,
מיט פנימער פון נעכטן, און מיט אויגן
פרעגנדיקע פון יאָרן.

עס ציט מיך

עס ציט מיך,
עס ציט מיך
צו דיר.
ווי הימל־בלאָ
צו כוואַליעס
פון ים.
אין שטראָם זיך אײַנהילן,
ווי אַ ייִד אין אַ טלית
צו אַ תפילה.

איך זוך נישט קיין ברעג
צו דערשווימען,
איך בעט בײַם טאָג בלויז
מײַן טרוים מיט זון
צו באַזינען,
און די נאַכט —
מיט שטערן באַשײַנען.

אָ, גאָט פון לעבן,
אַ שטויב פון דײַן כּוח
שענק מיר —
כ׳זאָל אויסהאַלטן דעם טרויער
און שווימען, שווימען
צום לענגסטן דויער.

עס ציט מיך, עס ציט מיך
צו דיר.

צוזאַמען

אַזוי לאַנג ווי ס׳איז אונדז גוט צוזאַמען,
לאָמיר נישט זוכן קיין פּגמ׳ען.
אויב דער גורל האָט אונדז דאָס זײַן באַשאַפֿן —
זאָל ער זײַן געבענטשט.
אַפילו מיר וועלן קיינמאָל נישט דערגרייכן צו אַ האַפן,
איז יעדעס פּיצל וועג
אַ געשענקטס.

די פֿרילינג־זון האָט אַ האַרבסט אויסגעוואַרעמט,
ווי אַ הינטעלע אַ געפּרווירנס
פֿון אַ צעשפּאָלטענער שיף,
וואָס טוליעט זיך און טוליעט
צו יעדן וואַרעם אָרט.

בעט איך דיך:
באַלייג מיך נישט מיט רייד,
לאָז שווײַגן —
לאָז מיר אויסוואַרעמען די פֿרייד.
ס׳איז אונדז גוט צוזאַמען? —
זוך נישט קיין פּגמ׳ען.
דער וועג צו אַ האַפן מיט סקאַלעס איז באַלייגט? —
איז אפשר לאָמיר זוכן אַן אַנדערן וועג.

מיר האָבן נאָך צײַט.

מיר גייען

מיר גייען, גייען, גייען
צוזאַמען און
ווי אַ גלעזערנע וואַנט
אין דער מיט וואַלט געשטאַנען.

דײַן באַריר כ׳וויל דערפילן,
דאָס גלאָז צעשפליטערן,
קומט רויכיקער נעפל מיך פאַרהילן,
פאַרשפילן.

ביסטו פון לעבן די וואָר,
צי גאָר אַ שפור פון אַ חלום ?

מיר גייען, און גייען, און גייען
צוזאַמען,
די פרעמדשאַפט אין דער מיט,
ווי אַ וואַנט פון שטאָל וואָלט געשטאַנען

מײַן האַרץ זוכט דײַן באַריר,
נאָר דײַנע רייד — ווייכער זײַד —
מיט פּראַסטיקן גליווער מיך פאַרפרירט.

ביסטו פון לעבן די וואָר ?
און אפשר פון חלום גאָר
אַ געבליבענער שפור ?

זיי האָבן זיך געקענט

אַ לעבן לאַנג זיי האָבן זיך געקענט,
ווי דורך נעפּל־ווענט דיקע,
אין האַרבסט־רויטן וואַרעם־קלייד
געהילט זיי האָבן די קאַלטע פרעמד.
און אַז די זומער־זון האָט צעגליט,
צעוואַרעמט הערצער צוויי —
ווייַ, ס׳האָט אַ פייַער זיי אָפּגעזענקט.

קוקן זיי זיך אָן איצט
ווי קינדער אומשולדיקע,
פאַרשעמטע:
האָט בלויז דער מלאך־רע אַ שפּאַס זיך געמאַכט,
אין אַ פרילינג־הויף אונדז בלויז אַרייַנגענאַרט,
כּדי אַ שפּיל צו טאָן זיך
מיט געפּענטעטע באַגערן?

און אפשר האָט דער גוטער מלאך אומגערן
פון לאַנגן שלאָף דערוואַכט,
און וויל מיט חרטה, דעם חוב זיי אָפּצאָלן?
פאַרן אָפּגעוועלקטן גרין אין די טאָלן,
פאַר בלעטערפאַל יונגן,
פאַר שניי אַזויפיל, און אַזויפיל פראָסט
דעם יונגן ווייץ
אין פרילינג־מיל איצט מאָלן? —

נאָר גיי און ווייס.

גיי צוריק

גיי צוריק אין דײַן נעסט.
דאָרט אַ פויגל ביסטו,
פֿאַרשלייערט אין אַ פֿאַווע.

האָב נישט מורא,
כ׳וועל מײַנע ליפּן
מיט קניפּן שנירן.

כ׳וועל אַלץ אין טיפֿן מײַנע
דערדריקן,
אַז קיין לעבעדיקער פּאָדים־צייכן
זאָל זיך נישט קענען אַרויסרײַסן.
אַ באַרג גראַניט כ׳וועל ווערן,
מיט כּוחות כ׳וועל פֿאַרהאַלטן
די זשאַרע, וואָס אין מיר גליט.

נאָר דיר, מײַן ליד, כ׳פֿאַרטרוי מײַן געמיט,
זאָלסט האַלטן שטאָלץ מײַן קאָפּ,
דרייסט כ׳זאָל שטעלן מײַן יעדן טראָט,
ווי זײַן עס זאָל באַפֿעל, געבאָט.

דעריבער
גיי צוריק אין דײַן נעסט
בעת עס פֿליסט אין מיר אַ לאַווע.
בלײַב אַ פֿויגל ווי דו ביסט,
פֿאַרשלייערט אין אַ פֿאַווע.

אויף דער בריק פון דער סען

אויף דער בריק פון דער סען
פאַרהאַלטן ט׳זיך מײַן בליק.
נישט דער שפּראַכן־רויש,
נישט דער וועגענער־געלויף,
וואָס לעכערט, שנײַדט די לופט.
פאַרהאַלטן האָט מײַן בליק
אַ מענטש אָן אַ העמד,
אויפן קאָפּ — אַ הוט צעקנייטשטער,
שיך, אויסגעדרייטע, אויסגעקוואַרטע.
פון וויַין אַ פלעשל,
ניכטער שוין, פאַרשטויבט.
ער זיצט אויף אַ שטיין —
זײַן היים,
אויף זײַן שויס צעשאָטענע ביכער.
ער קוקט, ווי געוואַרט ער וואָלט
אויף אַ גאַסט, אַ באַזוכער.

איך טו זיך אַ פאַרנייג פאַר אים און פרעג:
ווילסט נישט איבערבעטן זיך
מיט דער וועלט דער ציוויליזירטער?
מיט אַ מויל געלע ציין ער טוט זיך אַ צעלאַך:
וואָס? מיך שפּאַנען צוריק אין פערד־געצוים?
צוריק ווערן שקלאַף?
מוחל דיר די היים,
מוחל דיר די ווײַסע וועש —
איך בין איצט אַליין מײַן באַלעבאָס
און אַליין מײַן שעף.
פאַלט מײַן בליק פאַרשעמט אויפן באָדן בײַ דער סען —
אַ שאָד, אַ שאָד
דער מענטש וואָס געווען.

סאַן מישעל

ענגע געסלעך, שמאָלע.
אַ צעכוואַליעטער געברויז,
אַ שטענדיקע בהלה.
מען שטופּט זיך און מען שטויסט,
אָן אַ ציל, אָן אַ סיבה.

צווישן רעסטאָראַנען פון אינדיע, כינע,
וויעטנאַם, עלזאַס און אַלזשיריע,
מיידלעך אין הויזן ווי קאָרסעטן
בחורים, אין די זעלבע טואַלעטן, קוקן
צו די רייצנדיקע מאכלים דורך וויטרינעס
וואָס אַפּעטיטן וועקן.
אַ בחור מיט אויגן קליינע, גרויע,
קוקט, ווי אַ שעפּס אין פֿײַער זיך דרייט —
באַלעקט פון די ליפּן די סלינע.
אַ מיידל־בליק פאַרטשעפּעט זײַן ווײַע,
דער פאַרמיטלער — אַ שמייכל, אַ געלעכטער,
ביידע שנײַדן דורך די מאַסע אָן ווערטער...
זייערע לענדער־היימען
ווײַזן זיי זיך איצט אויף דער מאַפּע.

בײַ אַ טישל זיצט אַ מאַן, אַ יונגער,
זײַן באָרד — פון מײַן טאַטנס לענגער,
די האָר צעפּלאָשעט — צעפּ צו פלעכטן —
אין די אויגן חידוש,
ווי געזוכט ער וואָלט דעם נעכטן.

אַ מיידל, געשוירן אַלאַ זשאַן־ד׳אַרק,
זיצט דערנעבן.

איך וואָלט געשוווירן אַז אין דענעמאַרק
איז זי געבוירן.
זי פרעגט בײַם בעל־חלום:
ווײַט פון דער סען איז דער נאָטרדאַם?
ער, ווי פון אונטער אַ מוח־כמאַרע,
עפנט די אויגן.
שנײַדט מיט דער האַנט דורך
די געדיכטע פּאַרע:
— דאָרט, נישט ווײַט פון דאַנען —
פרײַלין, פון וואַנען ביסטו?...

אין די געסלעך פון סאַן מישעל
אַלע אײַלן צו דער גרענעץ־באַן,
ווו יונגשאַפט ווי כוואַליעס זיך בײַטן.
און איך ווי אַראָפּגעפאַלן פון אַ קאָסמישער שיף
זוך — מײַן פאַרלוירן געגאַנגענעם בריוו.

אַ ווינט אַ פאַרשיכּורטער

דער האַרבסטיקער ווינט
וואָס פאַרשיכּורט איז פון זומערדיקע זאַפטן,
האָט צעבראָסטעט זײַנע פליגל,
פאַרמאָסטן זיך מיט דעכער,
צעגריזשעט שטיקער ציגל
און צעשריגן זיך הויך און העכער.

פײַפט ער און ער ווישט אין ליידיקע פעסער.
פּרוווט אויס דעם ריגל אין מײַן פענצטער.
הוידעט זיך אויף עלעקטרישע דראָטן.
לאָזט זיך רײַסן אויף צײַטונגען אויסגעלייענטע
און מיט פאַרפּוילטע פּרוכט
שפּילט פוס־באָל אין די מיסטן.
סעדער, טײַכן ווילט זיך אים פאַרוויסטן.

ביז
אַ כמאַרע מיט רעגנטראָפּנס אים באַגריסט,
שטילט אים אײַן,
און מיט אייגענעם נצחון אים באַגיסט...

אין נעפּל

נעפּלען גראָע, נאַסע,
ווי ליַילעכער ברודיקע,
פאַרפּלאָנטערן היַיזער און גאַסן.
מענטשן — איַינגעבויגענע שאָטנס —
שוועבן אין די שליימיקע געוועבן.
וויטרינעס — אין וואָלן טונקעלע
ווי אַלטע אַראַבקעס פאַרהוילן,
אין נעאָן־ליכטס בלינדע מאָנטנע אויגן.

ס'בלעטערוואַרג ביַי ביימער־פיס
וואַלגערט זיך,
ווי אַלטע צעריסענע פאַטשיילעס
פון קלאָשאַרן־זקנות.

דער פרעכער ווילדער ווינט
ווי געפאַנגען איז — פון מכשפות.
דער אייפעל־טורעם — אַ צעפּלאָשעטער וואָלקן —
בליצט מיט פיַיערווערק־פונקען.

די סען — אַ וואַסער־שלאַנג
שיפּעט אויס דער שטאָטס פאַרדראָס,
זי האַלט די ליכטער ביַי זיך אין שויס
ווי געבונדענע מיט שטריק.

און אַז אַ שיַין ריַיסט פון נעפּל זיך אַרויס
קומט די סען און טרינקט אים אויס.

צום פויגל

פויגל מײַנער, לאָמיר זיך טוישן:
באָרג מיר דײַנע פליגל,
נעם דיר מײַן געצעלט.

פאַרן טרוים פון פלי־געפליגל
כ׳גיב אַוועק דיר דאָס שטרוי פון וויגל
מײַן מאָדערנע וואַש־מאַשין,
די קיל־שאַנק,
דעם האָניג מיט דער בין,
און מיט שפּײַז פולע קוישן —
נעם בײַ מיר דער שטאָטס רוישן.

אַפילו מײַן טעלעוויזאָר
איך גיב דיר אָפּ,
וואָס שפּאַלט אַמאָל צײַט־געגליווער —
און פירט מיך צו יענע טויערן,
וווּ עס הויערן אַנדערע לעבנס.
ער פירט אַמאָל מיך
צו ימיקע דנאָען —
וווּ אין פאַרקוואַרטע חכמה־צעלטן, פיש ראָיען.
ער פירט אַמאָל מיך צו פעלדזיקע הייכן —
וווּ מײַן פוס וועט אַהין קיין מאָל
נישט גרייכן.

פויגל, פויגל, באָרג מיר דײַנע פליגל,
איך וויל פליִען מיט פייגל בלויז —
אפשר וועל איך פון דער צוים אַרויס.

ניאָן

אין דעם קליינעם שטעטעלע אין דער שווייץ
אַן אַלטע שטיינערנע מויער שטייט.
בײַ דער זײַט — אַן אויסגעקרומט טויער,
געבליבן פון רוימישער שקלאַפן־צײַט.

שקלאַפן, אין קייטן געשמידטע,
געפאַנגענע פון נאָענט און ווײַט,
געבויט דאָ האָבן פּאַלאַצן
פאַר רוימישע הערשער און ריטער,
און זענען אָפט דאָ געוואָרן געשמיסן
מיט ריטער אויף אויסגעפּײַניקט לײַב.

איצט, אויף דעם שיפעדיקן באָדן —
אַ פאַרבן־סימפאָניע פון בלומען,
ווו בינען רוישן רעשיק און זשומען
און טויבן ליבן זיך און שטרײַטן
אין שוץ פון מילדע זונען.
די אַלפּן אַנטקעגן, ווי אין דרימל
אין נעפּלען דינינקע — דין,
הילן אײַן זיך ווי מיידלעך יונגע
אין זײַד־וואַלן און אין צאַרטן סאַטין.

שטיי איך בײַ דער שטיינערנער וואַנט
אין מײַן דמיון לויפט דורך יענע צײַט,
ווען ספּאַרטאַקוס טויכט אַרויס פון דער ווײַט,
אין שלאַכט פאַרן מענטש און פרײַהייט,
בײַ די ווענט פון אַלט־רוימישער שאַנד,
איך מיש די בלעטער מיט צאַפּלדיקער האַנט
און ניאָן רוט רויִק אין דער שווייץ,
מיט פרומע אויגן צו הימלען פאַרגלייצט.

בײַם ים־ברעג פֿון מאַנטאָן

זיי גייען און גייען
בײַם ים־ברעג פֿון מאַנטאָן.
מענער, פֿרויען.
מידע, מאַטע, געבויגן אין דרײַען,
ווי צעבראָכענע צווײַגן,
פֿון ווינטן־וויוגעס
צעפֿלויגענע בלעטער.

זיי ווייסן, זיי ווייסן:
פֿרילינג אין די גופֿים
וועט מער נישט אָנרײַפֿן.
כאָטש דער ים־רויש צעצינדט אָפּט
אַ פֿײַערל אין די אויגן.
אַמאָל איז געווען — די הערצער פֿאַרטרויערן
און ווייטיק געשמידטע
גייט אַלץ פֿאַרלוירן.

די פֿעלדזיקע אַלפּן,
ימס מיניעדיקע פֿאַלדן,
די פֿריידיקע מעוועס,
דער פּאַלמעס קרוינען,
מאַנדאַרינעס,
ציטרינען —
ווי יונגפֿרויס בריסטן —
אויף ביימער זיך הנדלען.
די גינגאָלדיקע מימאָזע —
די געבענטשטע שטאָט באַשײַנט,
און דעם נישט־געשטילטן הונגער
נאָך נײַלעבן, נאָך וווּנדער
בײַ די שפּאַצירנדיקע באַנײַט.

אייפעל־טורעם

שטאָלענער ריז,
אין דאַנטעל געשניצט,
צעשפּרייט ווי געקרייצטער גאָט,
דו שטייסט אויפן האַרץ פון פּאַריז
אין ערדישע קייטן געשמידט.

דייַן פּאַריסענער קאָפּ
אין וואָלקענישע צעפּ־געפּלעכט.

אויף דייַנע זייַטן הענגען זיך ווינטן
און וויוגעס ברענגען גרוסן דיר
פון אַלע אַלע ווייַטן.

סטיכיעס פון רוימען
איַינגעזאַפּטע אין דייַן גוף
פאַרנעפּלען נישט די טרוימען
פון דייַן וואָר
און פון דייַן שלאָף — דעם חלום.

אין אינגעווייד אין דייַנעם
מענטשן, ווי מאַריאָנעטן,
אַרויף און אַראָפּ זיך קרייצן.
טויבעך געררויש און דולער געטומל
אָן אויפהער פלייצן.

שטאָלענער ריז,
ווען אין טיפער ערדישער פּרעס
געלעגן ביסט —
וואָס פאַר אַ תפילה צום שטאָלענעם גאָט

האָסטו געטאָן,
כּדי צו האָבן די זכיה
איבער גאַנץ פּאַריז צו גרייכן?

ביַי נאַכט
זענען דיַינע אויגן
ווי גלי־ווערעם אין גראָזן
און קריכן אַרום איבער וויַיטע שטחים.
זוכן זיי אפשר זייער באַשעפער
וואָס דערשראָקן האָט זיך פאַר זיַין גולם
און איז פון די דעכער געפלויגן.
ביַי דיַינע פיס געלאָזן זיַין נשמה
און דו, שטאָלענער ריז,
טראָגסט פונעם קרבן דעם נאָמען.

אין גרינעם וואַלד

אַז פון מוראַשקע־שטאָט
אַנטלאָפן כ׳בין אין וואַלד,
האָבן ביימער, אין בלעטער אָנגעקליידטע,
די צווײַגן צו ווײַטן אויסגעשטרעקט,
און אַ מלכותדיקע שטילקייט אַרויסגעשאַלט.

מײַן קאָפּ — מיט רויש אַן אָנגעפּאַקטער —
כ׳האָב אַוועקגעלייגט אויפן גראָז,
די ריחות אײַנגעזאַפּט,
די סודות אײַנגעשלונגען
און אײַנגעהערט זיך צו ביימערס האַרץ.

איז געוואָרן מיר באַנג
אַז אַ בלאַט האָט זיך צעלאַכט
און אויסגעטראַכט,
אַז פון דער מוראַשקע־שטאָט
נישט פון רויש איך אַנטלויף,
נאָר אַליין פון זיך.

אין שטאָט —
איר ווילט דעם צווייטן איבערשרײַען,
אין שטאָט —
איר ווילט דעם אַנדערן אָפּנאַרן.
דאָ אין וואַלד, אַז די בלעטער רוישן
און איר קאָנט צו זיך נאָר פּלוישן
ווערט איר קליין ווי מוראַשקעס
און שווײַגט אויס
וואָס די שטאָט האָט פאַרטויבט.

האָב איך מיט קנאה געקוקט אויפן וואַלד
און מיט אַ ליבשאַפט — אַ וואַלדישע, אַ דינע,
די שטילקייט אָט די זײַדענע
געצירט האָט מײַן לײַב
און מיך געגלעט
מיט די אויגן אירע,
גרינע.

אויף ווײַסע גופים

אויף מירמלנע פּעלדזן־קעפּ,
אַ קרוין פון שטערן
אין געפלעכט.

בלײַך די לבנה ווי אַ מת,
צינדט זיך ליכט אויף גלעזערנע
הויקערס.

הימלען, אין דרעמל־פאַרבן,
ציִען זיך
צו די צוגעטוליעטע, געפּאַנצערטע
ריזן.

אויף די ווײַסע גופים, די מיניענדיקע,
הײַזקעס ווי לאַמטערן אָנגעהאָנגען
אין וואַלענעם ווינטער־שלאָף
זיך הילן.

שטילקייט אויף אַלע סטרונעס,
אַ סימפאָניע, אַ שווײַגנדיקע,
שפּילט.

און אַז אַ צווײַגל צעוועקט אַ בוים אין חלום —
שכנים־צווײַגן אין זילבערפּראַנדזן
אומגערן זיך באַוועגן.

ערגעץ ווו פון אַ באַרג־האַלדז
אָן אָדער כאַרכלט,
פינגער־פּראָסט זײַן אָטעם לעצטן
ווערגן.

בײַ באַרגיקע פּיס
נעפּל פּויל, צעקראָכן,
אויף פּלייצעס פֿון אַלטן ווינט
דעם מידן,
פּלאָנטערט זיך אין געשלעפּ
צו בראשית־טיפֿע טאָלן.

צעפּלעכט אַ שטערן זיך פֿון דער קרוין,
רוימען שנײַדט ער —
פֿלאַכן צינדט ער —
ווי ער וואָלט געזוכט אין נאַכט
דעם סוד פֿון חלום.

מײַן ליד

איך זוך נישט אין מײַן ליד
װעמען צו געפעלן,
כ׳זוך אין דער טיף בלויז
דעם אמת, דעם העלן,
און אַרויס פון מײַן האַרץ
דאָס ליד אַליין זאָל רעדן.

איך שטיי נישט בײַם טויער,
אויף די שװעלן פון מײַן ליד.
אַ טויכעריין איך בין,
װיל איך פון טרויער־ים
אַרויף.

איך װייס זייער װויל,
אַז די שיף די דערטרונקענע
װעט צוריק שוין נישט קומען.
און אין גופים אָפּגעטייטע
װעט קיין בלוט מער נישט רינען.

בין איך מיט מײַן ליד
פאַרװעבט אין די נעכטנס
נאָר ליבן מיר ליבן דעם הײַנט
און אין תפילה פון מײַן ליד
איך בעט יעדן באַגינען
געבוירן צו װערן אויפסנײַ.

ביז די נאַכט

די נאַכט האָט היינט אָפּגעשיילט פון מיר
די קאָרע פון טאָג.
די טויבע קלאַנגען פון פליגנרויש ווילדן
פאַרטריבן,
פאַריאָגט.
דעם עול פון מיין גוף אַראָפּגעריסן
און מיך געוואַשן מיט איר רו.

אין וואָלענע געוועבן מיך געהילט
און אויף חלום־פליגל מיך געשיקט
צו אַן אַנדערן פּלאַנעט,
וווּ פון יעדן באַרג מיניעט אַן אַנדער פאַרב
און אַלע פאַרבן איילן זיך,
יאָגן זיך: —
ס'איז שפּעט!

שטעלט מיין חלום אָפּ זיך און בויט מיר אַ געצעלט
אויף אַ בלוי־ראָזן באַרג פון מיין ווילן,
די שטאַנגען און די לייוונטן —
פון גאָר אַן אַנדער וועלט,
ווילן אַלע פּיינען מיר איצט שטילן.

וויל איך פון דעם כּישוף־חלום זיך גאָרנישט איבערוועקן,
ביז די נאַכט הייבט אָן זיך צו עקן.

צו יענע יאָרן

יאָרן יענע, יאָרן פון צאַרניקער מלחמה,
אָט שטיי איך און בעט בײַ זיי:
בלײַבט אײַך אַזוי אין פאַרגאַנגענשאַפט
מיט מאָך פאַרוואָקסן.

ווי אַ זייגער — אַ פּליט נאָך אַ שׂריפה —
איר האַמערט אין מײַן זכּרון,
רק פון יענע יאָרן קלאַפּט ער
און דעם הײַנט נישט דערגרייכט ער.

איך מורמל צו דעם זייגער און איך זאָג:
וואָס טויגן מיר די ווײַזערס דײַנע
וואָס ווײַזן פון דער היים מײַנער דעם ראָסט?
וואָס שלעפּסטו מיך צוריק אַהין —
צו חורבות וואָס אין פּײַן כ׳האָב פאַרלאָזט?
ווער וויל דען זײַן אַ בעל־חי פון אַ חרובן פּלאַנעט?
און ווער — אַ טרערן־פּאָעט,
וואָס טראָגט אויף פּלייצע זײַנער
קללות פולע זעק,
פון מאַמעס אין געצאַנק
מיט קינדער פאַרשטײַפטע אין די הענט,
בעת אויגן זייערע זענען שוין צו קיינעם נישט
געווענדט?

אַזוי בלאָנקע איך אַ נע־ונד׳ע
איבער פעלדער מיט פאַרוויסטעניש פאַרזייט,
כ׳טראָג מיט זיך אַדרעסן
פון וועלטן אויסגעגאַנגענע,
און קלאַמער דאָך זיך אין יענע יאָרן
וואָס וועלן קיינמאָל נישט פאַרלאָזן מײַן זכּרון.

הייליקע היים

הייליקע היים פון מײַן טאַטן —
בית המדרש.
מײַן טראָט, די שוועל פון דעם געצעלט
האָט שטענדיק אויסגעמיטן.
כ'האָב קיינמאָל נישט דערזען די טרייסט־שטראַל,
וואָס האָט געוואַרעמט דורות. —
די לאַנגע נעכט פון אָבותדיקן קיום,
און דעם חלום —
צוריקצוברענגען אונדז קיין ציון.

ווײַל איך געזוכט האָב נײַע זונען,
און אַזוי פיל מאָל געגלייבט, אַז אָט־אָט
און כ'האָב זיי שוין געפונען.
שטיי איך איצט בײַם שטיין,
אײַנגעבויגן בײַ די חורבה־שוועלן
און מיט אַ מזרח־שטראַל
מײַן גרוי איך וויל צעהעלן.

ס'האָט די פרעמדשאַפט זיך נישט געמינערט
און איר שׂנאה — זיך נישט געעלטערט,
קום איך מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם בליק
ווי אַ קינד צו מאַמע־טאַטן,
נאָך וואַנדערשאַפט און זוכעניש
פון געטער פאַרראַטן;
מיט אַ האַרץ אַ צעווונדיקטס מיט בלוטיקע שניטן,
דורך אויסגעטראַכטע פרײַנד
און פרעמדע זיטן.

אַ, טאַטע, ווי איך בין דיך מקנא!
דיר האָט גאָט געגעבן אַ בית־מדרש און אַ גלויבן
ווו מיר גלוסט אַמאָל אַ תפילה דאָרטן זאָגן,
בעת מײַנע גלויבנס וויאַנען,
און מײַנע געטער, פאַר זייערע זינד
דאַרפן בײַ מיר מחילה בעטן.

דערפאַר קאָן איך אין ערגעץ מער
קיין תיקון נישט געפינען.

כ׳בין צום כנרת געגאַנגען

כ׳בין צום כנרת געגאַנגען
מיט ציטער —
די ירושה פון מײַן מאַמען.

די לופט דורשטיק,
ס׳מידע ווינטל זיך געבראָטן
אין דער קלעפּיקער היץ.

די גליל־בערג, אין ווײַסן טיול,
די קעפּ אַרויסגעשטאַרצט —
פאַרדאַגהט אין עול,
ווי אויף אייביקייט געוואַרט.

דער הימל אַ שיטערע פאַרע,
ווי פאַסמעס וואָל —
כמאַרעס סטערילע פאַרשטעלט
האָבן יעדע בלאָע שפּאַרע.

ווען כ׳בין צום כנרת דערגאַן,
געפאַלן כ׳בין צו זײַנע ליפּן הייסע,
געטונקען מײַנע פיס אין וואַסער,
אין אָפּגעקאָכטן.

דער ים האָט קוים געאָטעמט,
כ׳האָב געזוכט אַ צייכן פון אַ שאָטן —
האָט דער שלאָף אַרײַנגענאַרט מיך
אין זײַנע ווייכע אָרעמס.

דוד איז אַרויס פון די אַמאָלן,
אויף זײַן פידעלע גענומען מיר שפּילן.

טעכטער אויסגעברווינטע
מיט לאַנגע שוואַרצע צעפּ,
קרוגן ערדענע געטראָגן
אויף זייערע יונגע קעפּ.
פּאַסטעכער אין ווײַסע קליידער,
געקומען אָנטרינקען שאָף און רינדער,
מיר איז שווער געווען אונטערשיידן,
צי זיי זענען אַראָפּ פון מערזוערס בילדער,
צי געקומען פון גן־עדן.

אַ וואַסער־פּליעסק
צעפּראַלט די טירן פון מײַן חלום.
סאַברעס יונגע ווי פון בראַנדז געשניצט —
זיך האָבן געבאָדן,
זייער געלעכטער, מיט ווײַטע עכאָס,
זיך איבערגערופן.

פּאַרנאַכט —
די לופט — אַ זײַדענער פעכער,
מײַן גוף האָט געגלעט.
דערפער, אין פעלדער אײַנגערעמט,
ליכט־שפּראָצן צינדן.
און איך — אַ ווײַטע און נאָענטע,
אין נאָסטאַלגיע פאַרזונקען.

צו מײַן מדינה

מדינה מײַנע,
כ׳שעם זיך דיר אויסצוזאָגן —
כ׳קאָן שוין זײַן דײַן באָבע באַלד.
אַז מיט כּוחות מײַנע שוואַכע
איך זע דײַן יונגן גאַנג,
ווערט מײַן געזאַנג אויכעט יונג
און עס ציט מיך צו דײַן שויס
נאָך אַן אייגענער נחלה.

אַ קאַלטע פרעמדשאַפט
זייגט פון מיר די זאַפטן אויס —
איך לעב אין אַ ווײַטן לאַנד.
מחשבות באַפאַלן מיך ווי שטיינער:
איך ציטער איבער דיר,
ווי נח פאַר די אַרײַנגענומענע אין תיבה.

נאָר אַז איך קום צו דיר אין גאַסט
און קויף מיר אויס מײַן עבֿירה,
טו איך אַ גלעט דײַן שווערע לאַסט
און זאָג ווי דײַנע קינדער: —
נישטאָ קיין ברירה!

לחיים דיר, ירושלים

הײַנט ערב יאָר, ערב שבת,
איך באַטרעט דײַן באָדן, ירושלים.
מיט מײַן מאַמעס צאַפּל —
איר גאַנצע ירושה,
וואָס מיר זי האָט איבערגעגעבן,
הייב איך אויף דעם כּוס
צו קידוש
און טרינק פאַר דײַן שלום, ירושלים —
לחיים!

מײַן מאַמעס שבת האָט אַ פרעמדשאַפט
פון לאַנג שוין פאַרקליידט,
נאָר אירע בענטשליכט פירן מיך
צו דײַן אייביקער הייליקייט.

און די שײַן פון אָט די ליכט
פינקלט, ווי אויבן די שטערן,
און עס קומען צוריק מיט אירע טרערן
אַלע מײַנע פרײַטיק־צונאַכטסן.

ירושלים,
מײַן מאַמע האָט איר חלום אין מיר פאַרזייט,
צעבליט ער זיך איצט ווײַט אַריבער מיר,
מיט דיר, שטאָט מײַנע,
מיט די נײַן מאָס שיינקייט דײַנע,
איך אײַל, איך שפּאַציר.

און דורך אַלע דײַנע דערנער־וועגן
דורכגענעצטע מיט אַזוי פיל טרערן
וואָס גליווערן אין דײַן געשטיין,

איך גיי צו דיר, ירושלים,
מיט תפילה און געוויין.

און כאָטש באַלאָדן מיט אַנגסט און מיט ציטער
גלייב איך תמיד אין דײַן טרייסט,
דער בטחון — מײַן שטענדיקער היטער,
זאָגט מיר צו אַז דו בלײַבסט.

באַטרעט איך הײַנט, ערב נײַעם טאָג, דײַן ערד,
כ׳הייב אויף דעם קידוש־בעכער
העכער, העכער,
און טרינק פאַר דײַן שלום לחיים —
ירושלים.

אין דער זאַמלונג

פון די אַרויסגעבערס 7
אין שײַער פון זכרון 9
אין ערב האַרבסט 10
הײַנט, ווי בראשית 11
עס מבולט מיט זון 12
איך זינג נאָך אַלץ 13
אין שטענדיקן צאַפּל 15
דער וואַלדיקער סידור 16
דײַן לעצטער בליק 18
ווינטער 19
ערב טאָג 20
פרייד 22
פרילינג 23
אין וואַלד 24
טאָג 25
מײַן גלויבן 26
עס רײַסן זיך קלאַנגען 27
אַ שטויב בין איך 28
פון מײַן בענקשאַפט 29
אַ גוט־מאָרגן דיר 31
פרײַנדשאַפט 32
צו אַ פרײַנד 34
פליגל אויף די פיס 35
אַ ווינטער־אינדערפרי 36
מײַן געדאַנק 38
אין וואַלדיקן חלום 40
האַרץ מײַנס 41
שוין ביסטו נעכטן 42
לבנה־ליכט 43
געזאַנג פונעם פעלד 44
מאָרגנקינד 45
פאַרלאַנגען, געפילן 47
סאַמעטענע נאַכט 48
יונגהאַרבסט 50
ירושה מײַנע 51
אַ פרימאָרגן אַזאַ 52
קאָשמאַר 53
אויף יענער זײַט שלאָף 54

אויפֿן דנאָ פֿון דער נאַכט 55
מײַן אומרו 56
אונטער אַ בוים 57
איך וואַרט 58
די באָבע־כמאַרע 59
די יונגע זקנה 61
וואַלדיקער באַגינען 62
כ'וויל מיטנעמען 63
אין דער וועלט פֿון ווידערס 64
צום באַשעפֿער 65
איך זוך 66
קינדשאַפֿט מײַנע 67
דאָס בילד, דער שפּיגל און איך 68
צו קאַרג ביסטו, צײַט 69
לאַווע 70
זעסט דעם מענטש 71
שווער אַרויסצושרײַבן 72
גאָט העלף דיר, נאַכט 73
אויף דײַן שויס 74
ווער בין איך ? 75
טו אויס פֿון דײַנע אויגן 77
האָפֿענונג 78
צום אינדזל פֿאַרגעסן 79
מען זאָגט 80
ייִדיש־קודש 82
מײַן מאַמעס הענט 84
אין תהום 85
צו די ווינטן 86
אַ שעה אַזאַ 88
לעבן אין צווייען 89
מײַן פּאָרטרעט 91
די זכרון־טיר 92
נאָטן פֿון כוואַליעס 93
פֿון מײַן יונגער זעונג 94
דערמאָנונגען אין אַ ווײַסער נאַכט 96
אַ נעפּל־טאָג אין פּאַריז 98
אויפֿן קאַרליק־באַרג 99
אויפֿן באַניע בית־עולם 101
זון מײַנער 102
בײַנאַכט אין די בערג 104
צום ים 105

יאָגן זיך וואָלקנס 107
נאָקעטער פּרימאָרגן 108
ערב שטורעם ביַים לעמאַן 109
בערג 110
אַ וואַסער־באַלעט ביַי שאַיאַ־שוועלן 111
צו אַ שטעטעלע אין די פּירענעען 112
שענק מיר דיַין ברויז 113
האָסט אָנגעקלאַפּט אין מיַין הימלאַזער טיר 114
קאַרוזעלע פון פּלאַץ שאַטלע 115
ביַים זוים פון דער סען 116
אין דאָרף אויף וואַקאַנס 117
אָ, לעבן 119
איך און מיַין דאָקטער 120
דערוואַרטונג 121
אין די וואָגעזן־בערג 122
זונפאַרגייַ ביַים ים 124
דורך מיַינע מוח־שויבן 125
שטיינער ווערן אויך קראַנק 127
וואַסער־טראָפּנס 128
עס ציט מיך 129
צוזאַמען 130
מיר גייען 131
זיי האָבן זיך געקענט 132
גיי צוריק 133
אויף דער בריק פון דער סען 134
סאַן מישעל 135
אַ ווינט אַ פאַרשיכורטער 137
אין נעפּל 138
צום פויגל 139
ניִאַן 140
ביַים ים־ברעג פון מאָנטאָן 141
אייפעל־טורעם 142
אין גרינעם וואַלד 144
אויף וויַיסע גופים 146
מיַין ליד 148
ביז די נאַכט 149
צו יענע יאָרן 150
הייליקע היים 151
כ׳בין צום כנרת געגאַנגען 153
צו מיַין מדינה 155
לחיים דיר, ירושלים 156